THE LITERARY GROUP "YUNG YISROEL"

David G. Roskies

Offprint from YUGNTRUF A Yiddish Student
Quarterly Nos. 28/29, 33, 34

New York, 1978

שלמה
װאָרזאָגער



רחל
פֿישמאַן



משה
יונגמאַן



דוד־הירש ראסקעס / ירושלים

# די שרייבער־גרופע „יונג־ישראל"

**טערא־סאנטא, ראזשינקעס מיט מאנגער**
**איבער אלע דיינע זאמדן.**
**(אברהם רינצלער)**

צווישן די צענדלינגער טויזנטער פליטים פון מיזרח־אייראפע וואס זענען אנגעקומען קיין ישראל אין די סוף־פערציקער יארן האבן זיך געפונען אויך א צאל יידישע שרייבער־אנהייבערס. פאר זיי איז געשטאנען א דרייפאכיקע עובדה: 1) זיך איינבירגערן אין א נייעם לאנד; 2) זוכן א קינסטלערישן תיקון פאר זייערע איבערלעבענישן און 3) זוכן א טריבונע ווו זיך צו דרוקן. סוף אקטאבער 1951 האבן זיי זיך אין משק יגור (לעבן חיפה) פאראייניקט אין א גרופע מיטן נאמען „יונג־ישראל." להיפוך צו דער „כאליאסטרע" און די „אינזיכיסטן" האט די נייסטע שרייבער־גרופע קיין מאניפעסט מיט אטאקעס קעגן זייערע ליטערארישע פארגייערס ניט ארויסגעגעבן און להיפוך צו די „קיעווער" און „יונג־ווילנע" האט די ישראלישע גרופע ניט אוועקגעשטעלט קיין שום געזעלשאפטלעכע פלאטפארמע. אויב מע זאל וועלן ארויסציִען אן עסטעטיש־אידעיִשע ליניע פון די שאפונגען פון דער ישראלישער גרופע, וואלט מען זי באצייכנט ווי א סינטעז פון איינגעווארצלטע יידיש־ליטערארישע טראדיציעס און אנגענומענקייטן מיט דער נייער לאנדשאפט און טעמאטיק פון מדינת־ישראל.

בילדער פון אומקום האבן אבער פארטונקלט די פרייד פון דער „נייער היים". די וואס זיי האבן באוויזן ארויסצוגעבן אייגענע ווערק פארן עולה זיין האבן זיי דורכויס אפגעגעבן דעם חורבן: משה יונגמאנס הינערפלעט (רוים, 1947), ה. בנימינס שטויבן (מינכן, 1948), שלמה ווארזאגערס זיין (מינכן, 1948) און יאסל בירשטיינס אונטער פרעמדע הימלען (מעלבורן, 1949). ביי די איבעריקע שרייבערס האט דער חורבן־מאטיוו זיך אויסגעדריקט אין די ערשטע ישראלישע ווערק זייערע (צבי איזנמאן, רבקה באסמאן און משה גורין). ווייסנדיק אז אזא טעמע ווערט זייער לייכט באנאליזירט, האט יאסל בירשטיין געפאדערט ערלעכקייט און עכטקייט:

> ס'איז גענוג אז א שרייבער, דערשפירנדיק אז עס מאכט זיך א ליד אין זיינע גלידערים,
> זאל זיך א דערמאן טאן „זעקס מיליאן," און גלייך זעט ער זיך ארויפשפאנען אויף דער בינע
> און — די וועלט ווערט פול מיט רשעות, אלע זענען שלעכט, די שינאה איז גרויס אבער ער,
> זיין אייגן הארץ, איז פול מיט ליבשאפט און רחמנות נאר קיינער פארשטייט אים נישט.
>
> יונג־ישראל, 1956, ז' 54

נאך א גרעסערער מיכשול פארן שרייבער איז די יידישע שפראך אליין. מילא דער חורבן איז געקניפט און געבונדן מיט יידיש אבער מיט דער נייער מלוכה איז די פארבינדונג נאך זייער אן אומזיכערע. משה יונגמאן האט געגלייבט אז: —

> אמתע קונסט שטייענדיק אין דינסט פון פאלק — אין זיין דינאמישן אספעקט — שרעקט זיך נישט אפ פון שפראכלעכע מחיצות, דינט דעם פאלק מיט לייב און לעבן און מיט וואס זי האט. שטעלט דעם דגש אויף גייסטיקער נאענטקייט און ניט אויף שפראכלעכער.
>
> יונג־ישראל, 1954, ז' 36

אברהם רינצלער, דער ראדיקאלסטער אין דער גרופע, האט געהאלטן פונקט פארקערט:

> די ווייטער־אנטוויקלונג פון אונדזער ליטעראטור איז ניט אפהענגיק פון קיין שום קולטור־פאליטישע פרעקאנצעפציעס אדער פרע־קאנדיציעס; זי איז אפהענגיק נאר און אויסשליסלעך פון זיך אליין.
>
> קיין שום נעא־נאציאנאלע קאנצעפציעס וועלן נישט משפיע זיין איר המשך. שפראך און ליטעראטור מוזן אנהייבן צו עקסיסטירן ביי אונדז ווי צוויי זעלבשטענדיקע און באזונדערע טעריטאריעס.

יאָסל בירשטיין האָט געספּקט צי עס איז בכלל געווען אַ לייענערשאַפֿט וואָס זאָל אויפֿנעמען די נײַע שאַפֿונג זייערע און צי אין ישׂראל עקסיסטירט אַ סבֿיבֿה זוו דער ייִדיש־שרײַבער קען זיך אויסלעבן פֿרײַ („דער ייִדישער שרײַבער אויפֿן קיבוץ,״ די גאָלדענע קייט נומ׳ 11, זז׳ 162—167).

די שפּראַכפֿראַגע פֿירט ווידער אַ מאָל צוריק צום ענין טעמאַטיק. בעת פֿאַר די פּאָעטן איז דער סינטעז פֿון ישׂראל און ייִדיש געווען אַ פֿרוכטיקער און פּראָדוקטיווער, זענען די פּראָזאַיקערס געשטאַנען פֿאַר גרויסע שוועריקייטן. פּראָזע איז בטבֿע מער קאָנטעקסטועל, מער געזעלשאַפֿטלעך אײַנגעוואָרצלט ווי פּאָעזיע, דאַרף די שפּראַך אַרומנעמען מערער ווי דעם שרײַבערס אײַנדרוקן און עמאָציעס. און אויב מע וויל טאַקע אָפּשפּיגלען דעם פּיל־זײַטיקן וווּקס פֿון מדינת־ישׂראל, מוז מען צופּאַסן די שפּראַך צו אַ שפּאָגל נײַער פּראָבלעמאַטיק. יאָסל בירשטיינס קיבוצניקעס רעדן ייִדיש, סײַ אין פֿעלד סײַ אין בעט. לשם קאָלאָריט ניצן זיי ספּעציפֿישע קיבוץ־אויסדרוקן, אָבער בדרך־כּלל פֿילט זיך ניט קיין דיפֿערענצירונג צווישן דער שפּראַך פֿון יונג און אַלט, אַשכּנזי און ספֿרדי. בײַ קאַרפּינאָוויטשן זענען די איבערצײַגנדיקסטע דיאַלאָגן די וואָס עס פֿירן ייִדן פֿון דער „אַלטער היים.״ ווי נײַ מע זאָל ניט פּרוּוון זײַן, מוז מען בויען אויף אַ צוגעגרייטן באָדן, און דער שפּראַכבאָדן איז נאָך געווען זייער רוי.

יעדער שרײַבער מוז ציִען די יניקה פֿון זײַנע ליטעראַרישע פֿאָרגייערס. וויפֿל ער זאָל ניט פּרוּוון געטרײַ זײַן דער „רעאַליטעט,״ וועט ער זיך באַניצן מיט ליטעראַרישע אָנגענומענקייטן אָט די רעאַליטעט צו באַשרײַבן. די שרײַבערס פֿון יונג־ישׂראל האָבן מיטגעבראַכט אין לאַנד אַ געוויסן ליטעראַרישן באַגאַזש. צבֿי אײַזנמאַנס צימצומדיקער סטיל, ווי ער אַליין האָט אַ מאָל דערקלערט, וואַקסט אַרויס פֿון ל. שאַפּיראָן. בײַ די פּאָעטן פֿילט זיך מאַנגערס פֿאָלקיש פּשטות און שלאָנסקיס געפֿיל פֿון תּנכישער בראשיתדיקייט.

נאָך מער: דער שרײַבער פֿון יונג־ישׂראל האָט געהאַט אַ היסטאָרישן פּערספּעקטיוו אויך. אין דער זאַמדיקער ארץ־ישׂראל־ערד האָט ער כּסדר געזוכט סימנים פֿון אַמאָליקע לאַנדשאַפֿטן. ה. בנימין האָט זיך דערוואָרעמט צו אַ „שניי אין ירושלים״; צבֿי אײַזנמאַן האָט געפֿונען בית־מדרש־ייִדן אין אַ קיבוץ; משה יונגמאַן האָט באַזונגען די ל״ו־קי פֿון זײַן געגנט און רחל פֿישמאַן האָט דערפֿילט „תּריג זאַפֿטיקע פֿריידן״ בײַם קלײַבן פּירות אויפֿן פֿעלד. אָט דער טאַלאַנט צו סינטעזירן דעם אַמאָל אין גלות מיטן הײַנט אין ישׂראל איז אפֿשר דער איינציקער שטריך וואָס כאַראַקטעריזירט אַלע מיטגלידער אין דער גרופּע.

יונג־ישׂראל האָט עקסיסטירט ווי אַ גרופּע אַזוי לאַנג ווי די מיטגלידער האָבן זיך געניטיקט אין איר. וואָס אָן אמת, האָט זי זיך ניט געאײַלט אַרויסצוגעבן אָן אייגענעם זשורנאַל, צי צוליב עקאָנאָמישע סיבות צי צוליב אַ דוחק אין אַמביציע. נאָך איידער די גרופּע האָט געהאַט אַ נאָמען האָט זי זיך געדרוקט בשותּפֿות מיט די גאָלדענע קייט (נומ׳ 7 [1951] זז׳ 150 ־ 180) און נאָך דער אָפֿיציעלער גרינדונג אין נומ׳ 13 (1952) זז׳ 192 ־ 228. ערשט דעצעמבער 1954 איז אַרויס דער ערשטער נומער יונג־ישׂראל. די ביבליאָגראַפֿיע איז ניט קיין גרויסע: אַחוץ דרײַ נומערן יונג־ישׂראל וואָס האָבן דערזען די ליכטיקע שײַן האָבן זיבן מיטגלידער אַרויסגעגעבן זייערע ווערק אין דער ביכער־סעריע אויפֿן נאָמען פֿון דער גרופּע:

1. משה יונגמאַן. אין שאָטן פֿון מולד, (פּאַריז, 1954). 103 זז׳.
2. צבֿי אײַזנמאַן. די באַן, (יגור, 1956). 162 זז׳.
3. יאָסל בירשטיין. אויף שמאָלע טראָטואַרן, (תּל־אָבֿיבֿ, 1958). 300 זז׳.
4. רבֿקה באַסמאַן. טויבן בײַם ברונעם, (ת״אָ, 1959). 109 זז׳.
5. אַבֿרהם קאַרפּינאָוויטש. דער וועג קיין סדום, (ת״אָ, 1959). 180 זז׳.
6. רחל פֿישמאַן. זון איבער אַלץ, (ת״אָ, 1962). 58 זז׳.
7. משה גורין. די גרינע בריק, (ת״אָ, 1966). 94 זז׳.

לויט די ביבליאגראפישע אנווייזן מוז מען אננעמען אז נאך 1959 האט די גרופע אויפ־
געהערט צו פירן אן אקטיווע עקסיסטענץ. טייל מיטגלידער (ה. בנימין און אברהם רינצלער
למשל) האבן אין גאנצן אויפגעהערט צו שרייבן און אנדערע האבן שוין מער ניט געדארפט
האבן א גרופע הינטער זיך כדי ממשיך צו זיין זייער ארבעט. מע מוז אבער אננעמען אז די
תחילתדיקע פאראייניקונג האט געמוטיקט איטלעכן פון זיי צו שאפן אויף יידיש אין ישראל.
צוליב דעם אליין פארמאגט דאס קאפיטל יונג־ישראל אן אנגעזען ארט אין אונדזער ליטע־
ראטור־געשיכטע. זי האט פארזייט דעם קערן פארן נייסטן צווייג פון דער יידישער ליטעראטור.



**צבי אייזנמאן.* געבוירן אין ווארשע 1920. געענדיקט א יידיש־
וועלטלעכע שול. אנטלאפן קיין רוסלאנד בעת דער מלחמה.
שפעטער אפגעזעסן צוויי יאר אין קיפראס און פון דארט
אריבער קיין ישראל 1949. די ערשטע דערציילונג אפגעדרוקט
אין נייוועלט 1948. געווען א חבר אין משק יגור און געהערט
איצט צום דערבייאיקן קיבוץ אלונים.**

אייזנמאן איז דער איינציקער פון די פרא־
זאיקערס אין יונג־ישראל וואס זיין אייגן־מיניקער,
ציטיקער סטיל האט זיך באוויזן אין דער סאמע
ערשטער דערציילונג. ער איז פון די איבערקלײ־
בערישע שרייבערס — פון דער פארגאנגענער און
איצטיקער וועלט הייבט ער ארויס נאר דאס וואס
אים איז נייטיק. פאר אים זענען געקינצלטע
טויבן און בלומען, חלומות און אויסגעטראכטע
באגעגענישן רעאלער, ממשותדיקער ווי די וועלט
פון אמתע זאכן און פאסירונגען. זיינע העלדן זענען
עלנט און פאראיינזאמט אפילו ווען זיי וווינען אין
מיטן פון א טומלדיקן ווארשעווער הויף, אפשיטא
שוין אין מיטן רוסישן סטעפ. זייער עלנט נייט זיי
אויסצוזוכן א פיקטיוון אנהאלט ווי באלד קיין פאקטנ־
דיקן אנהאלט איז ניט פאראן.

אייזנמאנס ערשטער באנד דערציילונגען די באן
(יגור 1956) איז צעטיילט אין דרייען: פוילן, רוס־
לאנד, ישראל. לויט אונדזער אפשאץ זענען דער
ערשטער און דריטער טייל א סך געראטענער פארן
מיטלסטן, ווייל אין זיי זענען טאן און סטיל ארגא־
ניש פארבונדן מיטן תוכן, בשעת אינעם מיטלסטן
טייל ווערט דער באלאנס קאליע דורך א צו דראס־
טישן סוזשעט. אייזנמאנס זשאנער איז די קאמפאק־
טע נאוועלע וואס נעמט אין זיך ארײַן א באגרע־
נעצטע סיטואציע מיט צוויי אדער דריי געשטאלטן.
די מיליע איז וויכטיק ניט אין און פאר זיך, נאר
דערמיט וואס זי רופט ארויס פארשיידענע אספעקטן
פונעם מענטשלעכן כאראקטער. אזוי למשל איז דער
יידישער הויף אויף דער טווארדע־גאס א מין קאנ־
טע ווי דער „ברוינער טרויער" פון דער קריסט־
לעכער פרוי אירענא זעט זיך בולטער אן. ניט נאר
האט אירענא ניט קיין לעבעדיקן קאנטאקט מיט
אירע שכנים, ווי באלד זיי ציטערן אלע פאר איר,
נאר מיט יארן פריער האט זי איבערגעריסן דעם
קאנטאקט מיט דער ארומיקער וועלט אויך. א ניט
ווינציק טרויעריק־סודותדיקע פרוי באווייזט זיך
אין די גלילער בערג במשך דער באפרײַ־מלחמה
(„די פרוי פון בארג").

א געניטער פארגלייך צווישן די צוויי דערציי־
לונגען ווייזט אבער אן אויף אן עיקרדיקן חילוק;
בעת אייזנמאן מאלט אויס די טווארדע־גאס מיט
אלע אירע פיטשעווקעס און די פרוי אירענא ווערט
באשריבן ווי א מין עקזאטישער שטיין אין א מא־
זאיק פון פארבן און קלאנגען, געהערט די פרוי
פון בארג צו א בכיוונדיק לעגענדאריש־אויסקוקנ־
דיקער וועלט. אזוי הייבט זיך אן די ערשטע דער־
ציילונג:

> ווען זי איז געקומען אין גראען פירקאנטיקן הויף
> מיט די אפגעשיילטע מויערן, געדענקען בלויז איינצלנע
> איינוווינער.
>
> א צעהיצטער תמוז־טאג איז דעמאלט געווען ווען פלו־

---

* איך וויל ביי דער געלעגנהייט הארציק באדאנקען
פ׳ אייזנמאנען פאר אויסבארגן די קלישעס וואס ווערן דא
געניצט צום ערשטן מאל און פאר זיין בסדרדיקער מוטי־
קונג. ד.־ה. ר.

ציס איז אנגעפארן א וואגן באליגט מיט עפעס אויסטערליש מעבל, פריציש־ניט־פריציש, אבער אזעלכעס האבן יודן פון טווארדע־גאס נאך קיין מאל ניט געזען.

אין די טירן פון שפּיזקרעמלעך האבן זיך באוויזן נייגעריקע גוידערס. פונם ניי־געעפנטן קאפעלושן־געשעפט האבן צוויי בלייכע מאדיסטקעס אוועקגעלייגט די ברייטע קאפעלושן מיט די ריזיקע שטרויספעדערן, א ביסל פארבויגן די שפּיצן־פארהאנגען און געלאזט די בליקן זיך ארויסקייקלען צום אויסטערלישן וואגן. דער שוסטער, וואס זיין ווארשטאטל שווארצט ארויס אין גאס ארײַן מיט בלאטיקע שויבן און אויסגעקרימטן שילדל, האט א ווײַל אויסגעגלײַכט דעם אײַנגעבויגענעם רוקן און נאכגעשיקט זײַן בליק דעם „בייזן ווונדער״ רײַבנדיק פארטראכטערהייט די נאז מיט דער פארשמירטער האנט. (ז׳ 13)

**אפילו דאס באנוצן זיך מיט ציטיר־צייכנס (וואס זענען אומעטומיק אין דער דערציילונג) באווײַזט ווי אײַזנמאן צערטלט דעם ספּעציפישן וואקאבולאר פון זײַן סביבה. אין דער צווייטער דערציילונג, דייגען די ספּעציפּישע דעטאלן ווי א מיטל צו פארתנכישן די לאנדשאפט און זי אפזונדערן פון דער הײַנטיקער צײַט:**

פופציק אייזלען האבן פון א ווײַטן קוואל ארויפגעבראכט צו איר וואסער אויפן בארג, יעדער אייזל מיט צוויי בלעכן אנגעהאנגען אויף די זײַטן, און אין די בלעכן וואסער. אייזל צו אייזל צוגעבונדן מיט א שטריקל זענען זיי געגאנגען לאנגזאם, טריט בײַ טריט און פון סאמע הינטן די אנטרײַבערס — צוויי בארוועסע אראבער מיט גראבע שטעקנס אין די הענט...

האבן זיך די אייזלען ניט געאײַלט, געשטעלט קלייגע טריטלעך און בײַם ראנד פון וועג געכאפט די עטלעכע הארט־שטעכיקע דערנער צווישן די ציינער...
(ז׳ 137)

**די נאראטיווע טעכניק איז אבער אן ענלעכע אין בײדע ציטאטן: די אנגעווארפענע דעסקריפּטיווע פרטים פון דער סביבה דארפן פארנעמען דאס ארט פון א מער אויספירלעכער, קאנטעקסטועלער באשרײַבונג. שטאטס ארײַנצולייגן פארטיקע מסקנות דעם לייענער אין מויל ארײַן ווײַזט ער פשוט ווי די טווארדע־גאס איז ארעם און פראווינציעל אבער פארט האט די דרויסנדיקע וועלט א באריר מיט איר: א נײַ קאפעלוש־געשעפט פירט אײַן די לעצטע מאדע און א פאלקע קלײַבט זיך ארײַן צווישן יידן. דאס ארט ווו די בארגפרוי האט באשלאסן צו וווינען איז מוראדיק פרימיטיוו און דער נייטיקער קאנטאקט מיט דער ארומיקער וועלט וועט קומען צו קריכן אויף אייזלשע רוקנס. אינטערעסאנט איז אויך דאס וואס אין בײדע דערציילונגען זענען עס קינדער וואס ברעכן דורך די מחיצה צווישן די פרויען און זייער ארום. שימעלע איז דאס איינ**ציקע קינד אין הויף וואס ס׳האט ניט קיין מורא פאר אירענאן ווײַל אירע נאכטיקע קאנצערטן פארכישופן אים. די פרוי פון בארג, ווידער, נעמט ארײַן צו זיך אן אראביש מיידל נאדרא כדי עס זאל איר ניט זײַן אומעטיק אליין אויפן בארג און דער סוף איז וואס נאדרא איז זיך מוסר־נפש פאר איר באלעבאסטע.

מע קען זיך לײַכט אנשטויסן אין דער סיבה פאר וואס די דערציילונגען אין „פוילך״ זענען אזוי דעטאליזירט בעת אין די ישראל־דערציילונגען איז די סביבה אדער לעגענדאריש אדער אומבאשטימט. קיין לאנדשאפט פארמאגט ניט די איינמאליקייט פון דער סביבה ווו מען איז געבוירן געווארן. אין ישראל טאקע, זוכט אײַזנמאן די שפורן פון די קינדער־יארן. „א הויף אין יפו״ (יונג־ישראל נומ׳ 3) דערמאנט אינעם הויף אויף דער טווארדע־גאס. אפילו אין קיבוץ זוכט ער אויס היימישע ייִדן און געפינט זיי, ווי אין אמאליקע צײַטן, אינעם בית־מדרש („ארום בית־מדרש״). דערצו איז די ווארשעווער לאנדשאפט בײַ אײַזנמאנען פארבונדן מיט אילוזיע, צי דערפאר וואס זי געהערט צו די אמאליקע צײַטן אדער אפשר ווײַל אים קומט אויס ווי אלע דארטיקע ייִדן האבן געלעבט א פארחלומט, אומרעאל לעבן. דער אנטיקוואר, א שטייגער, גלויבט אז ער האט א לעבעדיקן קאנטאקט מיט זײַן געליבטער דורך איר פארטרעט וואס הענגט בײַ אים אין שטוב. דאס קינד אין „טויבן״ גלייבט באמונה־שלמה אינעם כוח פונעם כישוף־מאכער אפילו דעמאלט ווען דער לעצטער ווערט דעמאסקירט. בײַם קאטערינשטשיק מיטן שפּילקאסטן ווערט דער גרענעץ צווישן חלום און וואר אין גאנצן מטושטש („דער קאטארינאזש און דאס מיידל״).

ווען חלום און אילוזיע ווערן די פארעם פון דער מעשה, ניט בלויז איר תוכן, באקומט זיך א מײַסטערישער רעזולטאט. „א מעשה וועגן ניסים פון הר־טוב, וועגן א ווארשעווער הויף און וועגן א שפּילפויגל״ ברענגט צונויף ניט נאר אלע בעסטע עלעמענטן פון אײַזנמאנס נאראטיווער קונסט, נאר זײַנע בײדע געאגראפישע וועלטן אויך. תחילתדיק האט אײַזנמאן אפגעדרוקט די דערציילונג ווי די ערשטע אין א סעריע „וויזיעס״. די צווייטע הייסט „א מעשה וועגן א מענטש וואס איז אין דער וויסטעניש געגאנגען״ געשריבן אינעם סטיל פון רב נחמן בראסלעווער און די דריטע הייסט „דער קארשנבוים״ — א קאשמאר וועגן דעם אומקום פון זײַנער א יוגנטחברטע אדער פון א שוועסטער (יונג־ישראל נומ׳ 2, זז׳ 14 ־ 19). שפּעטער, אינעם בוך, איז די מעשה וועגן ניסים פון הר־טוב אריבער אינעם אפטייל „ישראל״, די צווייטע מעשה איז אין גאנצן ארויסגעפאלן און די דריטע איז ארײַן צום סוף פון „פוילך״. די ערשטע און דריטע זענען [illegible]

דער ערשטער פּערזאָן בעת אינעם מיטלסטן רעדט זיך וועגן איינעם אַ מענטש. אָפּשטעלן זיך באַריכות וועלן מיר זיך בלויז אויף דער מעשׂה וועגן ניסים פֿון הר־טובֿ וואָס מיר האַלטן זי פֿאַר דער גרעאָטנסטער דערציילונג אינעם באַנד.

הייבן הייבט זי זיך אָן: „אַ צעצויגענער איזיל־געשריי האָט מיך אַרויסגעריסן פֿון שלאָף.״ הייסט עס, פֿריִער איז דער נאַראַטאָר געשלאָפֿן, נאָר דאָס וואָס קומט פֿיר ווײַטער זעט ער כּלומרשט אויף דער וואָר.

כ׳בין אַראָפּ פֿון בעט און זיך דערנענטערט צום פֿענצטער. ס׳איז געווען אַ ווײַסע, קלאָרע וועלט — אַ שניי האָט זיך געשאָטן, געדרייט אין דער לופֿט און פּאַמעלעך זיך אַראָפּגעזעצט. כ׳האָב פֿאַרווּנדערט אַרויסגעקוקט דורך די האַלב פֿאַרפֿרוירענע שויבן.

ווי קומט עס, האָב איך געטראַכט און זיך ניט אויפֿגעהערט צו חידושן, ווי קומט עס אין אַ וואַרשעווער הויף, אין אַ שנייִקן טאָג, אַן אייזל? (ז׳ 119)

דער נאַראַטאָר דערקענט גלײַך דעם באַלעבאָס פֿונעם אייזל, ניסים, און פּרוּווט אים אָפּטרײַבן פֿון דאָרט. ניסים, אָבער, לאָזט זיך ניט.

האָב איך ווידער צו אים גערופֿן:

— „גיי דיר פֿון דאַנען! כ׳וועל דיך טרעפֿן אין אַן אַנדער צײַט, אויף אַן אַנדער אָרט!״

ענטפֿערט ער מיר: „כּולם יהודים, טרײַב מיך ניט!״

אַצינד הייבן זיך אָן אַ גאַנצע ריי דיאַלאָגן אין דיאַלאָגן. דער נאַראַטאָר קלערט אויף ניסימען אַז ער וואַרט גאָר אויף אַן אַנדער ייִד, אויף אַ ייִד מיט אַ רויטער פּאַטשיילע אַרום דעם האַלדז און מיט „פֿאַרהויכטע״ אויגן — אַ ייִד וואָס קויפֿט אַלטע זאַכן. ווי באַלד דער נאַראַטאָר פּרוּווט דערציילן וועגן אַט דעם ייִדן רײַסט אים ניסים איבער צו דערציילן וועגן זײַנע גליקן אין מדינת־ישׂראל. אינעם סטיל פֿון די דיאַלאָגן ליגט די מײַסטערשאַפֿט פֿון דער דערציילונג. ניסים וויל אַלץ אַרײַנכאַפּן אין איין אָטעם, ווי ער וואָלט פֿאַרשטאַנען אַז ער געהערט גאָר ניט צום אָרט און וועט מוזן באַלד פֿאַרשווינדן ווערן. אַזוי קאָנדענסירט ער זײַן לעבנסגעשיכטע:

— ווייסט? מײַן יחוּת האָט אַ גוט קעפּל, ער לערנט שוין אין בית־ספר און דער קליינטשיקער עזרא האָט שוין אַלע ציינדלעך און ירושה אַרבעט אין אַ קינדערגאָרטן און מזל האָט שוין, ברוך־השם, חתונה געהאַט, גענומען פֿון אַזעלכע, פֿון די „שקינאַזים.״ אַז ער קומט אויף שבת, מיט מזלן צו פֿאָרן צו אונדז קיין הר־טובֿ, אין מעברה אַרײַן, ברענגט ער שטענדיק עפּעס אַ מתּנה פֿאַר מײַן ווײַב דינה...

די איבערגעגעבענע דיאַלאָגן צווישן דעם נאַראַטאָר און דעם טענדלער טראָגן גאָר אַן אַנדער שטעמפּל. ווערטער און פֿראַזעס חזרן זיך איבער. דער ריטעם פֿון די זאַצן איז אַ פּאַמעלעכער. דער טענדלער האָט צײַט. ער קומט דאָ יעדן טאָג, ווײַל אים ציט דעם נאַראַטאָרס „ליכטיקער שפּילפֿויגל.״ להיפּוך צו ניסימען האָט דער טענדלער נאָך ניט געפֿונען זײַן גליק. דערפֿאַר לעכצן זײַנע „פֿאַרטרויערטע״ אויגן נאָכן ליכטיקן פֿויגל. דער נאַראַטאָר פּרוּווט אים אָפּרעדן:

...ווּ וועט איר דאָס נעמען אַזוי פֿיל געלט אויף צו קויפֿן מײַן שפּילפֿויגל מיט די לאַנגע, קאָלירטע פֿעדערן, וואָס יעדע פֿעדער האָט זיבן פֿאַרבן און וואָס יעדע פֿאַרב האָט זיבן חנען. איז דער ייִד געבליבן שטיין אין מיטן צימער און זיך געקראַצט די באָרד: אָבער כ׳וויל דאָך פֿאַרט דעם שפּילפֿויגל האָבן! כ׳האָב אַ גראָשן צו אַ גראָשן לייגן, כ׳וועל טאָג און נאַכט איבער די הייף קריכן נאָר דעם שפּילפֿויגל מוז איך האָבן. האָב איך מיטלייד מיט דעם ייִד, מיט די פֿאַרהויכטע אויגן באַקומען און צו אים אַזוי געזאָגט: ווייסט איר ר׳ ייִד, וויפֿל הייף איר דאַרפֿט אַדורכגיין און ווייסט איר וויפֿל יאָרן איר דאַרפֿט לעבן ביז וואַנען איר וועט געלט אָנזאַמלען אויף צו באַצאָלן פֿאַר מײַן ליכטיקן שפּילפֿויגל?

די מוזיקאַלישקייט פֿון אַט דעם וווּנדערלעכן פֿויגל פֿילט זיך אומדירעקט דורך דער פּרעכטיקער מוזיקאַלישקייט פֿון אײַזנמאַנס פּראָזע:

ער פֿלעגט קומען יעדן טאָג און פֿלעגט גלעטן די פֿעדערן, ציילן די פֿעדערן און פֿאַרקוקן זיך לאַנג אין די אויגן פֿון מײַן ליכטיקן שפּילפֿויגל. ער פֿלעגט קומען און איין מאָל האָט ער מיך געבעטן: כ׳וויל איר זאָלט מיר אַ פֿעדער פֿון דעם שפּילפֿויגל שענקען, אַרויסרײַסן אַ קאָלירטן פֿעדער פֿון זײַן ברייטן עק און אים אַוועקגעבן, ווײַל אַז ניט גייט זײַן נשמה אויס, אַז ניט וועט ער זיך אויף מײַן שוועל אַוועקלייגן און ליגן אַזוי לאַנג ביז מײַן האַרץ וועט ווייך ווערן און אים אַ פֿעדער, אַ פֿעדער פֿון מײַן שפּילפֿויגל געבן.

דער סוף איז אָבער וואָס דער נאַראַטאָר שטויסט אָפּ סײַ דעם טענדלער סײַ ניסימען. די דערציילונג ענדיקט זיך מיטן זעלביקן שניי פֿון אָנהייב וואָס טראַנספֿאָרמירט דעם נאַראַטאָר גופֿא אין אַ חלום:

דער שניי פֿאַלט און פֿאַלט, ער פֿאַרדעקט די אָפּגעשיילטע מויערן פֿונעם ענגן וואַרשעווער הויף און אַט רײַסט ער זיך אַרײַן אין מײַן צימער, דער שניי. און מײַן צימער ווערט אויך אַזוי ווײַס ווי די וועלט. אין שנייִקן געווירבל ליג איך. דער שניי פֿאַלט [illegible] חזון הזווה

און אויף מײַן פּנים און אויף די ליפּן און אויף די אויגן.

כ׳וועל ווײַס און ווײַסער און לויטער. כ׳וועל אליין אַ שניי...

דער ייִדישער שרײַבער אין ישׂראל לעבט „צווישן צוויי וועלטן." אַ מאָל שטויסן זיי זיך אָן אײנער אין דער צווייטער און אַ מאָל גיסן זיי זיך צונויף. אײַזנמאַנען איז געראָטן איבערצוגעבן די סתירות ווי אויך דעם צונויפֿגאָס אין אַ גאָר אײגן־מיניקן סטיל אין אַ דערציילונג פֿון קאַרגע דרײַ אַ האַלב זײַטן. אײַזנמאַן איז געבענטשט מיטן כּוח פֿון צימצום.



רבֿקה באַסמאַן. געבוירן אין וואַלקאָמיר (ליטע) 1925. זיך געלערנט אין אַ ייִדישער פֿאָלקשול, שפּעטער אין אַ ליטוויר־שער גימנאַזיע. איבערגעלעבט די ווילנער געטאָ און פֿאַר־שיידענע קאָנצלאַגערן אין עסטלאַנד. עולה געווען 1947 און געוואָרן אַ חבֿרה אין קיבוץ המעפּיל. איצט איז זי אין הרצליה ב׳.

בײדע פֿרויען אין דער גרופּע „יונג־ישׂראל" וווינען אין אַ קיבוץ און שעפּן כּמעט אין גאַנצן פֿון זײַנע בילדער. דער קיבוץ איז פֿאַר זיי די אידעאַ־לע פּאָעטישע לאַנדשאַפֿט: יעדעס גרעזעלע, חיה אָדער קלאַנג איז אַ פּאָטענציעלע טעמע פֿאַר אַ ליד, ווײַל אינעם דאָזיקן גן־עדן־התחתּון צעשפּילן זיך די עמאָציעס נאָכן קלענסטן סטימול פֿון דער נאַטור.

כאָטש רבֿקה באַסמאַנס ערשטער באַנד לידער טויבן בײַם ברונעם (ת״א, 1959) איז אַ טיפּישע דוגמא פֿון דער ייִדישער ליריק, קלינגען זײַנע אימאַזשן עכטער און פֿרישער אַ דאַנק דעם וואָס זיי וואַקסן אַרויס פֿון דער ספּעציפֿישער קיבוץ־לאַנדשאַפֿט. דער קיבוץ ווערט קיין מאָל ניט דער־מאָנט דירעקט — בכלל זענען קיין קלאָרע אויטאָ־ביאָגראַפֿישע מאָמענטן ניט פֿאַראַן אין בוך — אָבער דאָס ניט־דערזאָגטע קיבוץ־גערעם פֿילט זיך אומעטום און פֿאַרבינדט אַלע לידער. אַזוי, למשל, דאָס ליד וועגן די טויבן אינעם קיבוץ:

אַלע טויבן שלאָפֿן אין גרינעם הויז
טיר און פֿענצטער אָפֿן
פֿאַרן חלום בלויז.

שלײַך איך דורך פּאַמעלעך
קוים באַריר די טיר,
נעמען טויבן וואַכן,
אָטעמען אין מיר.

ווײַן איך אויס דעם וונדער
פֿון מײַן נײַ געבורט
און אַזוי פֿאַרוווּנדערט
וואָרקע איך אַ וואָרט.

„פֿייגל אין אותט" ז׳ 47

ווילט איר, איז דאָס אַ ליד וועגן דער פּאָעטע־סעס אידענטיפֿיצירונג מיט די פֿייגל אויף אַזוי ווײַט ביז עס דוכט זיך איר אַז זי ווערט אַליין מגולגל אין אַ טויב, און ווילט איר איז די אידענטיפֿיצי־רונג אַ מעטאַפֿאָר פֿאַרן פּראָצעס פֿון שרײַבן לידער. מע „וואָרקעט אַ וואָרט" נאָר דעמאָלט ווען מע ווערט אין גאַנצן דורכגעדרונגען מיטן סוזשעט. די צאַר־טע געפֿילן פֿון פֿאַרוווּנדערונג און געוויין פֿון ווערן נײַ געבוירן זענען כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן גאַנצן באַנד. די עמאָציעס אַנטוויקלען זיך לויט אַ גע־וויסער ליניע — פֿון טיפֿן ייִאוש און עלנט דורך שטילן אומעט ביז פֿרייד און האָפֿענונג. פּאַראַלעל דערמיט איז דער דרויסנדיקער פּראָצעס פֿון נאַכט ביז טאָג. אינעם ערשטן קאַפּיטל „דאָס ניט דער־זונגענע" קומען אַ העלפֿט פֿון די סצענעס פֿיר בײַ נאַכט און די נאַכט ברענגט מיט זיך מיט די „ניט־דאָיִקע פֿרײַנד", די „געסט פֿון אומעטלאַנד," די דערמאָנונגען פֿון אַלע אומגעקומענע. דרײַ פֿערטל פֿון די לידער אינעם צווייטן קאַפּיטל „לבֿנהשע פֿליינען" באַשרײַבן די נאַכט, אָבער דאָ שפּילט די נאַכט אַן אַנדערע ראָלע: טיר און פֿענצטער פֿון אַלע הײַזער זענען „אָפֿן פֿאַרן חלום בלויז." די נאַכט אַנטפּלעקט אַ פֿאַנטאַסטישע וועלט פֿון ציטער און

(המשך אויף זײַט 33)

(המשך פֿון זײַט 12)

טרער, לבֿנה־שײַן און שאָטן. אינעם דריטן און פֿערטן קאַפּיטל שײַנט אויף די זון און דערפֿרישט די וועלט מיט בלוי און ווידערגעבורט. און ניט בלויז די נאַטור פֿרוכפּערט און מערט זיך אין די לעצטע קאַפּיטלען, נײַערט די פּאָעטעסע אַליין האָט געבוירן אַ קינד. כאָטש קיין בפֿירושע ראָיה איז ניט פֿאַראַן, מעג מען אָננעמען אַז דאָס רעדט זי וועגן אַן אייגן קינד.

באַסמאַן וויל אַז אירע לידער זאָלן זײַן וואָס פּשוטער און אײַנגעהאַלטענער. דאָס זעט זיך ניט נאָר אינעם כמעט קינדערישן פּשטות פֿון די לידער, נאָר אויך אינעם גילגול פֿון איין נוסח צום צווייטן. פֿון אַ גאַנצער ריי מיגלעכע דוגמאָות ברענגען מיר נאָר צוויי. אינעם ערשטן קאַפּיטל איז פֿאַראַן אַ ליד „אין פֿעלד״ וואָס ס׳הייבט זיך אָן אַזוי אינעם ערשטן נוסח זײַנעם:

לאָמיר אַרויסגיין און טאָן אַ געשריי —
מאַמע!
עלנט און עלנטער זײַנען מיר —
מאַמע...

פֿאַר וואָס זשע פֿאַרבענקט זיך אונדז
קומען אין פֿעלד,
און ס׳וויינט אונדזער טראָט?

די גאָלדענע קייט נומ׳ 7 (1951)
ז׳ 154

אינעם לעצטגילטיקן נוסח ווערט פֿאַרשוווּנדן דער קלאָגעדיקער אויסרוף און דערפֿאַר פֿילט זיך דער פּאַטאָס פֿונעם קלימאַקס אַ סך שטאַרקער:

עלנט און עלנטער זײַנען מיר,
מאַמע.

מיר קומען אין פֿעלד
און ס׳וויינט אונדזער טראָט.

אַ זאַנג נאָך אַ זאַנג,
אַ שניט נאָך אַ שניט.
פֿון גאַרבן הייבט אויף זיך
אַן אומעטיק ליד,
וואָס ציטערט מיט קלאַנגען
און שימערט מיט פֿאַרבן
פֿון אויגן און הענט,
און פּלוצעם אויף גאַרבן —
אַ שײַטער, וואָס ברענט.

קניט יעדער פֿון אונדז בײַ דעם שײַטער,
און הערט פֿונעם פֿלאַם אַ געבאָט,
און גאָט שטייט אין וואָלקן — אַ ווײַטער,
און הערט, ווי מיר הערן זײַן סוד.

(ז׳ 9)

צוויי געטער ווערן דאָ נתגלה: דער גאָט פֿון דער ברענענדיקער סנה און דער גאָט פֿון דער נאָכמלחמהדיקער ייִדישער פּאָעזיע. דאָס ליד פֿירט בהדרגה צו גאָטס אַנטפּלעקונג דורך בײַטנדיקע קלאַנגען. צו ערשט קומען וויינענדיקע טריט און פֿון די טריט ווערט אַ ליד, ניט קיין ממשותדיק ליד נאָר „ציטערדיקע קלאַנגען.״ מיט אַ מאָל, פֿון אַלע ביזאיצטיקע אומבאַשטימטע אימאַזשן און געפֿילן וואַקסט אַרויס אין בפֿירושקייט — אַ ברענענדיקער שײַטער, און פֿונעם שײַטער רעדט אַרויס אַ קול, אַ ווײַט קול, אָבער פֿאָרט אַ פֿאַרשטייִקס. די וואָס זיי האָבן ניט קיין מאַמע האָבן אַ טאַטע אין הימל וואָס ער קאָמוניקירט מיט זיי אויפֿן אַלטן, אויסגעפּרוּווטן תנכישן אופֿן אינעם לאַנד פֿון תנך.

די לאַנדשאַפֿט רופֿט כסדר אַרויס רעליגיעזע אַסאָציאַציעס בײַ באַסמאַנען. אין אַ צווייט ליד באַשרײַבט זי אַ „תּפֿילהדיקן״ דיאַלאָג צווישן איר און אַ צווײַגל. דער ערשטער נוסח איז היפּאָטעטיש („טאָמער פֿאַראַן איז...״) און באַרעדעווודיק בעת דער לעצטער איז קאָנקרעט און קאָנדענצירט. פֿ״גל

טאָמער פֿאַראַן איז אַ צווײַגל פֿאַראומערט
אָן קנאָספּן, אָן שוואַלבן,
וועל איך דורך שטעגעלעך נאָנט צו אים קומען
ווי דער וואָס גלייבט — צום געזאַלבטן.

און וועל אים פֿרעגן מיט האַרציקע ווערטער
פּונקט ווי מע רעדט דורך אַ תּפֿילה:
ווי קאָנסטו לעבן אַזאַ מין פֿאַרטרערטער
נאַקעט אין וועלטן אין שטילע?

די גאָלדענע קייט נומ׳ 13 (1952),
ז׳ 193

צו אַ צווײַגל פֿאַראומערט,
אָן קנאָספּן, אָן שוואַלבן,
בין איך געקומען
ווי צו אַ געזאַלבטן.

געפֿרעגט מיט האַרציקע ווערטער,
ווי אין אַ תּפֿילה;
ווי קאָנסטו אַזאַ מין פֿאַרטרערטער
שווײַגן און שטילן?

זאָגט מיר דאָס צווײַגל: פֿאַרוואָר, סאיז ניט אמת,
הער, מײַנע וואָרצעלעך זייגן.
אָבער ביז וואַנען דו ווערסט דערזען עס —
מוז איך נאָך שווײַגן,

און מײַנע טרערן — טראָפּעלעך טויען;
ביז ווערסט דערקענען
וואַרט אין געדויער.

דער סוף איז אָבער, לויט אונדזער געשמאַק, אַן איבעריקער:

וואָרט איך און טו אַזוי קלערן:
אוי, אַזאַ חכם דאָס צוויגל.
טיף איז זײַן קליגקייט,
גאָלד איז זײַן שווײַגן.
(ז' 99)

ווען באַסמאַן וואָלט אונדז ניט צוגעטראָגן אַ פֿאַרטיקן אָפּשאַץ אַז די ווערטער פֿונעם צווײַגל זענען „טיף" און „גאָלד", וואָלטן מיר, אויף אײגענעם באַראָט, געפֿונען עפּעס טיפֿערס און גאָלדענערס. ווײַל נאָר בײַ איר קען דאָס אויפֿבליִען פֿון אַן אײנצעלן צווײַגל אָננעמען משיחישע פּראָפּאָרציעס, און נאָר בײַ איר קען דאָס זעלביקע צווײַגל רעדן אַזוינע געהויבענע רייד ווי „פֿאַרוואָר, ס'איז ניט אמת" און „וואַכט אין געדויער." כּדי דער לייענער זאָל פֿילן דעם פּאָעטס התפּעלות פֿאַר כּלומרשט טאָגטעגלעכע ווײַזגעבונגען, מוז מען אים, דעם לייענער, פֿאַרכאַפּן מיט אומגעריכטע אימאַזשן און וואָרט־קאָמבינאַציעס. אויב מע זאָגט אים אָפּ: „זע ווי וווּנדערלעך דאָס איז," וועט ער הייבן דעם אַקסל און אָפּענטפֿערן: מהיכא־תיתי. רבֿקה באַסמאַנס לידער פֿאַרמאָגן צום גליק אַ סך אַזעלכע פֿאַרכאַפּנדיקע מאָמענטן. דאָס ליד „קעמלען," למשל, ענדיקט זיך מיט צוויי פּרעכטיקע סטראָפֿעס וואָס גיבן איבער דעם גאַנצן מהות פֿונעם קעמלס אייביקייט און קדמונדיקייט:

צוויי מאָל קניט אַ קעמל
ביז ער גרייכט צום זאַמד,
און אַ טרײַער בלײַבט ער
צו זײַן לאַנד.

יאָרן ווי ער וואָגלט
מיט זײַן האַרטן טראָט,
אייביק צוגענאָגלט
צו דעם מידבר־גאָט.
(ז' 64)

פֿאַר באַסמאַנען איז ארץ־ישׂראל בכּלל און דער קיבוץ בפֿרט אַן אומקער צו אַ פֿאַראינדוסטריעלער וועלט ווו דער מענטש איז אַליין מיט גאָט און זײַן באַשאַף. ווען זי וואָלט ניט געלעבט מיטן גוואַלדיקן טרויער פֿונעם ייִדישן אומקום, וואָלט זי אפֿשר דערלויבט די תּנכישע לאַנדשאַפֿט אָפּצווישן אַלע צווישן־דורות און זכרונות. אין טויבן בײַס ברונעם זעט מען בולט ווי זי ראַנגלט זיך מיט בײדע יצרים — מיטן יצר פֿון דערמאָנונג און מיטן יצר פֿון ווידערגעבוירן. אַ מאָל ליגט זי בײַ נאַכט און קען ניט אײַנשלאָפֿן ווײַל עס קומען געסט פֿון „אומעטלאַנד" —

קומט צו גיין דאָס פֿאַסטוכל
מיט שעפֿעלעך פֿאַרברענטע,
קומט דאָס ווײַסע ציגעלע
פֿון וויגעלעך פֿאַרשעמטע.
(„ניט־היגע" א' ז' 16)

און אַ מאָל ברענגט דער זעלבער אָוונט אמתע, ניט קיין אויסגעטראַכטע שעפֿעלעך וואָס דרינגען זי אַדורך מיט זייער שפּרודלדיק לעבן:

אין אָוונט קומען שעפֿעלעך צו מיר
מיט פֿעלן אויסגעלופֿטערטע און יונגער,
און איך באַהאַלט די שעפֿעלעך
אין פֿעלזישע צען פֿינגער.

אין אָוונט ברענגט אַ וואָגן שטיקער פֿעלד,
און לייגט זיי פֿאַר מײַן שטיבעלע אַנידער,
און איך באַהאַלט דעם דופֿט און טוי
אין מײַנע גלידער.
(„אָוונט" ז' 83)

לייענט מען דורך דאָס בוך ביזן סוף, זעט מען אַז דאָס לעבן איז איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל גובֿר דעם טויט.

(המשך אויף זײַט 35)

## אַ וואָרט צו דער לייענערשאַפֿט

אויב יעדער וואָס באַקומט דעם יוגנטרוף וואָלט באַצאָלט זײַן אַבאָניר־געלט, וואָלט מען געהאַט גענוג געלט אַרויסצוגעבן פֿיר נומערן יעדעס יאָר. איז אויב איר ווילט ניט דאָס זאָל זײַן דער לעצטער נומער יוגנטרוף, טוט אונדז צו וויסן וועגן דעם!

## לערערס פֿון ייִדיש!

שיקט אונדז צו די נעמען און די אַדרעסן פֿון אײַערע תּלמידים, מיר זאָלן זיי קענען שיקן דעם יוגנטרוף.

(המשך פֿון זײַט 34)



**יאָסל בירשטיין. געבוירן 1920 אין גרויס־ביאַלע, פּוילן. עמיגרירט קיין אויסטראַליע 1937. דאָרט אַרויסגעגעבן אַ באַנד לידער אונטער פּרעמדע הימלען (מעלבורן, 1949) און מיט אַ יאָר שפּעטער זיך באַזעצט אין ישׂראל. 12 יאָר געווען אַ חבֿר אין קיבוץ גבֿת. וווינט איצט אין קרית־טבֿעון.**

אין דער ערשטער אַנטאָלאָגיע פֿון דער גרופּע געדרוקט אין די גאָלדענע קייט נומ׳ 7 האָט יאָסל בירשטיין נאָך פֿיגורירט ווי אַ פּאָעט. מיט אַ יאָר שפּעטער, אין דער צווייטער אַנטאָלאָגיע, האָט ער אָפּגעדרוקט אַ דערציילונג „דער פּאַסטוך חנן“ (נומ׳ 13 זז׳ 195 ־ 202) וואָס אין אַ פּאָר יאָר אַרום וואַקסט פֿון איר אַרויס זײַן 300־זײַטיקער ראָמאַן וועגן קיבוץ־לעבן אויף שמאָלע טראָטואַרן. אינטערעסאַנט איז צו פֿאַרגלײַכן אָט דעם ערשטן פּרוּוו ווי אויך די שפּעטערדיקע דערציילונג „דער טויט פֿון אַן אַלטן אָקס“ (נומ׳ 18 זז׳ 129 ־ 132) מיט זייער לעצטגילטיקער פֿאָרעם אינעם ראָמאַן.

אין די פֿריִקע דערציילונגען הייבט בירשטיין אַרויס די פֿאַרברידערונג פֿון מענטש און חיה אינעם קיבוץ. דערווײַל דינט דער קיבוץ בלויז ווי אַ נאַטור־לאַנדשאַפֿט, ניט ווי קיין געזעלשאַפֿטלעכע אָרענע. פּונקט ווי דאָס בהמישע לעבן באַשטייט פֿון דרײַ אויטאָמאַטישע פּראָצעסן — געבוירן ווערן, לעבן און שטאַרבן — אַזוי ווערט אויך דאָס מענטשלעכע לעבן רעדוצירט צו זײַנע נאַקעטע אינסטינקטן, דער עיקר צום סעקסועלן. אין „דער פּאַסטוך חנן“ פֿילט זיך אַן איראָנישער קאָנטראַסט צווישן דעם פּאַסטעך וואָס ער האָט די השגחה פֿון לעבן און טויט איבער זײַן סטאַדע און חנן דעם קיבוצניק וואָס ער איז אומבאַהאָלפֿן אין זײַן פּערזענלעכן לעבן. דאָס ווערט אַ וויכטיקער מאָטיוו אינעם ראָמאַן. בײַ נחן, דעם בעל־גופֿישן העלד פֿון דער צווייטער דערציילונג, רופֿן זיך אַרויס קלאָרע עראָטישע אַסאָציאַציעס בעתן שעכטן דעם אַלטן אָקס.

— שלאָג אים אין אויג אַרײַן — האָט נח געברומט מער צו זיך ווי צום רפֿתן און צום הייפֿל מענטשן אַרום אים. ס׳איז מער ניט געווען דער פֿאַרשלאָפֿענער נח פֿון באַגינען. נאַכט און שלאָף און רויִקייט האָבן זיך אָפּגעטאָן פֿון אים. אַ האַלב נאַקעטער, באַגאָסן מיט שווייס און מיט זון, האָט ער זיך געפּאָרעט אַרום אָקס מיט אָנגעשפּיצטער וואַכזאַמקייט. ער האָט געצויגן די שטריק און גערעדט האַרבע רייד:

— שלאָג אים אין אויג אַרײַן וועט ער פֿאַרגעסן אין טויט. (ז׳ 131)

בעת־מעשׂה דערזעט ער זײַן חנעוודיק ווײַב פֿון דער ווײַטנס און הייבט אָן בענקען נאָך איר. טויט און עראָס זענען ענג פֿאַרבונדן בײַם גיבור־היילדיקן נח.

אויך אין אַנדערע דערציילונגען ווי „צווישן איילבירטן“ (יונג־ישׂראל, 1954, זז׳ 6 ־ 11) און „רעננה“ (1956, זז׳ 20 ־ 24) איז דער סעקסועלער מאָמענט דאָס שליסל צום סיפּור־המעשׂה. אין דער ערשטער באַשרײַבט בירשטיין אַן אַלטן אַראַבער חסן אבו טנאה וואָס ער רײַט אַרויס פֿון שטוב סאָמע אין דער פֿרי אויף זײַן אַלטן אייזל:

די וואַרעמקייט פֿונעם אייזלס פֿעל האָט זיך איבערגעטראָגן אין חסן אבוס פֿינגער און ער האָט מיט אַ מאָל געדענקט און געוווּסט דאָס, וואָס ער האָט זיך געמיט צו דערמאָנען זינט ער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון שלאָף. און אַז חסן אבו האָט זיך דערמאָנט האָט ער דערשפּירט אין זיך דאָס קלאַפּן פֿון אַ באַהאַלטענעם דופּק און אַ גוטער ציטער איז דורכגעלאָפֿן זײַן רוקנביין. (ז׳ 7)

באַלד נאָך דעם באַשליסט דער אַלטער אַראַבער אַז ווי באַלד ער קומט אָן אין דער שטאָט „וועט ער די פֿרוכט פֿאַרקויפֿן און פֿאָרן געלט דערפֿילן זײַן רצון; ער וועט שלאָפֿן מיט אַ ווײַב.“ אַנדערש אָבער איז זײַן גורל.

להיפּוך צו דער חיה איז דער מענטש אַ געזעלשאַפֿטלעך באַשעפֿעניש. הייסט עס אַז דאָס חיִישע אין אים, די סעקסועלע גלוסטענישן לויט בירשטיינען, מוזן זיך באַהאַלטן אָדער ווערן דערדריקט כּדי די געזעלשאַפֿטלעכקייט זאָל פֿונקציאָנירן. דער קיבוץ איז מן־הסתּם דער דרייסטסטער פּרוּוו בײַצוקומען דאָס חיִישע אינעם מענטשן, צו שאַפֿן אַ באמת „נײַעם“ מענטש וואָס איז תּמיד גרייט זיך מוסר־

נפֿש צו זײַן פֿאַרן כּלל. אויף שמאָלע טראָטואַרן איז בירשטײנס באַווײַז אַז די עגאָיִסטישע באַדערפֿענישן פֿונעם מענטש מוזן געפֿינען אַ תּיקון אַפֿילו אין אַ סאָציאַליסטישער אוטאָפּיע. ניטאָ אינעם ראָמאַן קײן אידעאַליזירטע געשטאַלטן ווי נח. דער עפּיזאָד פֿונעם אַלטן אָקס ווערט אַרײַנגעפֿלאָכטן אינעם 15טן קאַפּיטל פֿונעם ראָמאַן און זילבערמאַן, דער וואָס ער שעכט די חיה, איז שוין מער ניט דער יצר־הרעדיקער בעל־גוף פֿון דער דערציילונג. אים איז ניחא אויב מע לאָזט אים אויסלעבן זײַנע יאָרן אינעם קיבוץ בשלום.

ס׳ערשטע פֿערטל ראָמאַן דערמאָנט גיכער אין בערגעלסאָנס אַרום וואָקזאַל אײדער אין אַ באַשרײַבונג פֿון אַ ברויזנדיקן סאָציאַלן עקספּערימענט אין אַ נײַער מלוכה.

ס׳האָט זעלטן־ווען געטראָפֿן, אַז אַ קיבוץ־מענטש זאָל פֿאַרבײַגײן גלײַכגילטיק די מודעות. אַפֿילו ווען ער האָט זײ שוין געהאַט איבערגעלײענט אײן מאָל און נאָך אַ מאָל, האָט, בײַם אַרײַנגײן אָדער אַרויסגײן פֿון חדר־האוכל, זײַן אויג פֿון זיך אַלײן, זיך אַ ציִ געטאָן צו די רשימות מיט אַ דערוואַרטונג, אַז אפֿשר האָט מען צוגעשריבן עפּעס נײַעס.

און אַז עמעצער האָט אין דער צײַט פֿון די עסן צוגעקלעפּט אַ פֿריש צעטעלע, איז גלײַך געוואָרן אַרום דעם אַ געזעמל מיט מענטשן, און די וועלכע זענען געשטאַנען פֿון הינטן, האָבן אַרײַנגעשטעקט אַן אויג צווישן צוויי קעפּ, צווישן צוויי אַקסלען, כּדי וואָס שנעלער איבערצולײענען און שטילן דעם נײַגער. פֿלעגט זיך טרעפֿן אַז עמעצער איז נאָכן איבערלײענען נאָך אַלץ ניט געווען זיכער, צי ער האָט גוט געלײענט און ריכטיק פֿאַרשטאַנען און ער האָט אַ פֿרעג געטאָן אַ שכן: „וואָס שטײט דאָ פֿאַרשריבן?“ (זז׳ 8־9)

בירשטײן באַשרײַבט אַ „טיפּישע“ נאַכט אינעם קיבוץ ילון ווו עס קומען פֿיר נישטיקע, נודנע, איבערגעחזרטע טוונגען, אָבער אינעווייניק, אין די מוחות פֿון די העלדן, פֿיבערט ממש מיט זכרונות, אַסאָציאַציעס אד״גל. דער אַלץ־וויסיקער נאַראַטאָר בײַט דאָס קוקווינקל יעדע פּאָר פּאַראַגראַפֿן כּדי אַרײַנצודרינגען אין די מוחות פֿון דעם און פֿון יענעם. דער פּאַסטעך חנן איז דאָ פֿאַרביטן אויף דניאלן, אײנעם פֿון די הויפּטגעשטאַלטן פֿונעם ראָמאַן. דאָ ניט לאַנג האָט זיך דניאל צוזאַמענגעבראָכן צוליב צוויי טעמים: אַ שראַפּנעל האָט אים געטראָפֿן בעת ער האָט געפּאַשעט די שעפּסן און אײן פֿוס איז בײַ אים שווער פֿאַרוווּנדיקט געוואָרן; צווײטנס האָט דאָס ווײַב לוטי אים פֿאַרביטן אויף אַ געליבטן, זאבֿ. דער הויפּטפֿאָדעם פֿונעם סיפּור־המעשׂה איז דניאלס פּרוּוו צו רעהאַביליטירן זײַן פֿיזיש ווי אויך זײַן עמאָציאָנעל לעבן.

לוטי איז די חושימדיקע, סודותדיקע פֿרוי פֿונעם ראָמאַן. דאָס האַרעפּאַשנע לעבן אין קיבוץ האָט ניט אָפּגעטעמפּט ניט לוטיס סעקסועלן צוצי, ניט אירע אײגענע גלוסטעניש. האָבן מיר, הײסט עס, דעם אײביקן דרײַעק אויפֿן פֿאָדערגרונט פֿון אַ קיבוץ־ראָמאַן.

דאָס טשיקאַווע אינעם ווערק איז ניט וואָס מענטשן פֿירן אַזאַ פֿאַרפּלאָנטערט לעבן, נאָר וואָס דווקא אינעם קיבוץ לעבן זײ אַזוי, אויפֿן אָרט וואָס האָט געזאָלט אָפּשאַפֿן „בורזשואַזע“ נאָכווייענישן. ווייניק געשטאַלטן אינעם ראָמאַן ווערן געשטאַרקט פֿונעם שותּפֿותדיקן לעבן. דער כּלל איז גיכער פֿאַרקערט: דורך דעם וואָס דאָס שותּפֿותדיקע לעבן שאַפֿט אָפּ די אָנגענומענע באַציִונגען צווישן מאַן און ווײַב, טאַטן און זון, וואַקלט זיך דאָס משפּחה־לעבן נאָך מערער. אין דער בורזשואַזער וועלט וואָלט לוטי געדאַרפֿט באַהאַלטן איר ראָמאַן מיט זאבֿן; אינעם קיבוץ איז דער ראָמאַן געוואָרן אַ סוד פֿאַר גאַנץ בראָד. סײַ מנוחה, זאבֿס פֿאַרטרויערט ווײַב, סײַ דניאל, לוטיס פֿאַרצווייפֿלטער מאַן מוזן זיך מאַכן ניט וויסנדיק און אָנגײן מיט דער טאָגטעגלעכער אַרבעט. קײנער קען קײנעם ניט אויסמײַדן. דערפֿאַר ליגט אַזוי פֿיל באַהאַלטענע שׂינאה אין יעדן כּלומרשט גלײַכגילטיקן בליק; דערפֿאַר איז יעדע צופֿעליקע באַגעגעניש אויף די שמאָלע טראָטואַרן אַ פּאָטענציעלער קריזיס. אין גאָר עקסטרעמע פֿאַלן, ווי בײַם פּליט פֿײַוולען, זילבערמאַנס בן־יחיד, וואַרפֿט מען אָפּ די מאַסקע און מען נעמט זיך דאָס לעבן. אויך דער סאַברע־דור ווערט אַרײַנגעצויגן אין די דורכפֿאַלן פֿון טאַטע־מאַמע, ווי למשל אודי דער זון פֿון זאבֿ און מנוחה וואָס ער זעט ניט אין זיי קײן גענוגנדיקן מוסטער פֿאַר זײַן אײגענעם לעבן.

אויף שמאָלע טראָטואַרן איז בירשטײנס ערשטער ראָמאַן און איז דוכט זיך בכּלל דער ערשטער קיבוץ־ראָמאַן אויף ייִדיש. אפֿשר צוליב דעם לאָזן זיך פֿאַרענטפֿערן געוויסע בלויזן זײַנע. קודם־כּל די פּראָבלעם פֿון לשון. עס פֿעלט נאָך אַן אידיאָם וואָס זאָל איבערגעבן — אָדער רעאַליסטיש אָדער סטיליזירטערהייט — דאָס לשון פֿון פֿאַרשיידענע (העברעיִש־רעדנדיקע) קיבוצניקעס. דער דיאַלאָג איז כּמעט דורכויס דער זעלביקער, חוץ ווען עס רעדן געשטאַלטן אײַנגעוואָרצלט אינעם מיזרח־אײראָפּעיִשן שטייגער. דאָס באַניצן זיך מיט ספּעציפֿישע קיבוץ־אויסדרוקן ווי רפֿתּן (אַרבעטער אין די קישטאַלן) און חדר־האוכל (עסזאַל) גיט צו אַ געוויסן אַראָמאַט אָבער ניט מער. אַ מאָל גראָט בירשטײנען צו קאָנטראַסטירן נײַע אינסטיטוציעס מיט אַלטע:

ביסלעכווײַז זענען זיך מענטשן צעגאַנגען. דאָס געזעמל אַרום עוזין איז געוואָרן קלענער. די מיספּואַניקעס

היסטאָרישע פּאַסירונגען אין אַ היסטאָרישער לאַנד קען מען אויטאָמאַטיש שאַפֿן גרויסע לידער:

ווײ, כ'האָב ווי אַ קינד געגלויבט,
אַז מיט צעשטאָכענעם גוף וואָס שאַרט זיך אין
    קוילן־געפּײַך
אויף די שטעגן פֿון גרינעם תּנך
קאָן מען ווערן אַ דיכטער.

ניכטער.
ניכטער ביסטו געקומען און מיר ווידער מײַן
    שיכּרות דערמאָנט.
האָסט יושר געמאָנט פֿאַרן לעצטן איינציקן
    ציטער פֿון אַ גראָז
צווישן אונדז ביידן.

ווײ, האָסטו געמאָנט, ווי אומגעלומפּערט גרויס
    און אוּר־טעמיק
זענען פֿייגל, ביימער, זון, ערד,
ווען מ'שפּאַרט זיי אַרײַן, גאַנצערהייט, ווי אַ הערינג
אַפֿילו אין גראַמענע רײפֿן פֿון אַ לידערפֿאַס.

(„פּראָזע" די גאָלדענע קייט
נומ' 9 [1951] ז' 68)

בײַ באַסמאַנען איז דער לירישער „איך" אַלע מאָל געשטאַנען פֿאַראייניזאַמט און נאָר אַ דאַנק דער זכות־הלאַנדשאַפֿט האָט ער זיך ווען עס איז פֿאַראייניקט מיטן אַרום. בײַ בנימינען זענען גאָר אַ סך לידער לכתּחילה געשריבן ווי אַ שמועס פֿונעם פּאָעט מיט אַן אומבאַשטימטן „דו." „זאָלץ. / צי אויס דײַן האַלדז / און פֿאַרקרישטאָל אים..." לויטן קאָנטעקסט קומט אויס ווי ער אַפּאָסטראָפֿירט דעם מידבר גופֿא וואָס לעבט, אָטעמט און חלומט ווי אַ מענטש. אינעם צווייטן ליד איז נאָך שווערער צו דערגיין צו וועמען בנימין ווענדט זיך. „ניכטער ביסטו געקומען און מיר ווידער מײַן שיכּרות דערמאָנט" קען מיינען אָדער דער צווייטער זעלנער וואָס ער ליגט מיט אים צוזאַמען „אויפֿן טויטן שלאַכטפֿעלד" (ערשטע סטראָפֿע) אָדער די פּערסאָניפֿיצירטע פּאָעזיע וואָס מאָנט יושר „פֿאַרן לעצטן איינציקן ציטער פֿון אַ גראָז / צווישן אונדז ביידן."

עכטע פּאָעזיע פֿאָדערט ספּעציפֿישקייט, דעטאַליזירטע אימאַזשן. די אַרומנעמיקע באַשרײַבונגען פֿון העלדישקייט און פֿון אַן אַלגעמיינער לאַנדשאַפֿט פּאַסן גיכער פֿאַר „פּראָזע" אײדער פֿאַר פּאָעזיע. אויך די ריטמען פֿון אַ ליד דאַרפֿן זײַן ספּעציפֿיש צוגעפּאַסט צום תּוכן ווי דאָ די „פּראָזאַישע" לאַנגע שורות אין פֿרײַע ריטמען. אין די ציטירטע סטראָפֿעס דאָמינירן דער אַנאַפּעסט און דער פּײַאַן (אַ פֿוס פֿון דרײַ ניט־אַקצענטירטע טראָפֿן און איין אַקצענטירטן). בנימין שאַפֿט דעם ריטעם כּדי צו קענען אָפּווייכן פֿון אים לשם אַקצענטירונג. אין דער צווייטער שורה מוז מען זיך אָפּשטעלן אויפֿן וואָרט גוף, כאַפּן אַן איבעריקן אָטעם און לייענען ווײַטער כּדי צו דערגאַנצן די רעגולערע אַנאַפּעסטן וואָס קומען פֿאַר גוף און נאָך אים. די שורה „קאָן מען ווערן אַ דיכטער" גייט שוין איבער אויף טראָכייען כּדי צוצוגרייטן דעם ריטמישן באָדן פֿאַרן דראַמאַטישן איבעררוף: ניכטער, וואָס ווערט נאָך מער אַקצענטירט דורכן גראַם: דיכטער. מיט איין וואָרט, בנימינס לידער זענען אַ מוסטער פֿונעם ייִדישן מאָדערניזם, די פּאָעטישע שיטה וואָס דער שפּעטערדיקער פּראָפ' הרושאָווסקי לערנט זײַנע סטודענטן צו דערקענען און אָפּצושאַצן ווי געהעריק.

מיר ציִען ווײַטער דעם פֿאַרגלײַך צווישן בנימינען און באַסמאַנען כּדי צו באַווײַזן ווי היפּוכדיק זיי זענען ניט נאָר אין פּרט פֿון פּאָעטישן פּערספּעקטיוו נאָר דערעיקרשט אין פּרט פֿון פֿאָרעם. באַסמאַנס נטיה צו פּשטות וואָס זי איז כאַראַקטעריסטיש אויך פֿאַר משה יונגמאַן און רחל פֿישמאַן שטייט אין סתּירה צו בנימינס געדיכטער מעטאַפֿאָריק און לאַנגע שורות:

איך שטיי בײַ דײַן זאַלץ געשליפֿענער הימלוואַנט
    פֿון וווּנדער.
אויף איר בורשטיניק געשפּיזלטער קרוין ריזלען
    דײַנע ליכטער.
דאָ צופֿוסנס, אין אַ ווינקעלע, שאָטנט שוין
    דער פֿופֿציקסטער יאָרהונדערט
מײַן גאַנצע פֿאַרצײַטיקע געשיכטע.
און איך מיט מײַן קינדערטרוים — מײַן
    גאָלדענער פּאַווע —
וואַקסט אַרײַן אין איר זאַלציקן שאַרבן.
און מײַנע שטאַמלענדיקע בליקן דאַווענען
אין דײַן אויסטערלישן תּנך פֿון פֿאַרבן.

(„פּנים־אל־פּנים מיטן אַלמעכטיקן"
די גאָלדענע קייט נומ' 7 [1951]
ז' 150)

באַסמאַן האָט מגלה געווען דעם רבונו־של־עולם אין אַ געווינטלעכער פֿעלדישער לאַנדשאַפֿט. גאָט האָט זיך באַוויזן אינעם שײַטער ווי ס'וואָלט געווען אַ נאָרמאַלע פּאַסירונג („אין פֿעלד"). בײַ בנימין איז דאָס התגלות אַן אַן ערך קאָמפּליצירטער. געטלעכקייט געפֿינט ער דווקא אין דער קדמונישער רויקייט פֿונעם מידבר. אַ מאָל איז

די געטלעכקייט אַ דעמאָניש־צעשטערישע ווי אינעם ציקל „געזעגנגען בײַם מידבר־ראַנד" (די גאָלדענע קייט נומ׳ 3 [1949] זז׳ 98־101):

נאָר מידברשער מולך
אַ גבר איז אַ שטרענגער.
זײַן שטויביקער הילוך —
אַ קאַפּטן אַן ענגער. (ליד 4

און ווײַטער

אַ קראַפּט ליגט אין שטויבן,
געדולדיק,
און שטום.
און אויבן, אַ טויבער,
דו הוליעסט אַרום. (ליד 5

דער אמתער אַלמעכטיקער גאָט פֿון מידבר איז שוין גאָרניט קיין טויבע קאַץ:

דו — אַ מעכטיק שטומען. אויף שטאָלצן גראַניט
שפּרײַזט דײַן טויטער קול אין זאַלציקע זאַמדן
פֿון מידבר
און הייבט מיט זײַן פֿאַלע זײַלן אַפּשײַ. כּבוד
פֿאַר דײַנע באַרוועסע טריט.
דער עכאָ פֿון דײַן טרוקענעם אָטעם קיניגט ווײַט
איבער די ראַנדן פֿון מידבר. (2טע סטראָפֿע)

בײַם אָנהייב ליד איז דער פּאָעט פֿאַרשטומט פֿון דער מידבר־היץ און גאָטס קול איז אויך אַ טויטס. מ׳הערט בלויז דעם עכאָ פֿון זײַן טרוקענעם אָטעם. זיי שטייען ביידע „אויפֿן דעק פֿון דער וועלט," „איך — און דו אין אַ נעפּל פֿון פֿײַער" (ערשטע סטראָפֿע). אַלץ איז טרוקן און שטויביק און וואָל־קאַניש הייס. אַפֿילו די פֿאַרבן זענען „געזאַלצענע" (3טע סטראָפֿע). דאָס אַלץ שאַפֿט דעם רושם אַז קיין לעבעדיקער קאָנטאַקט צווישן מענטש און גאָט קען גאָר ניט געמאָלט זײַן אין אַזאַ אַכזריותדיק שטרענגער לאַנדשאַפֿט. קומט די לעצטע סטראָפֿע און ברענגט די אומגעריכטע אַנטפּלעקונג.

דער פּאָעט הייבט אויף די אויגן צום הימל און זעט „אויף איר בורשטיניק געשפּיזלטער קרוין ריזלען דײַנע קוואַליקסטע ליכטער." און לסוף הערן זיך די ערשטע „שטאַמלענדיקע" קלאַנגען, ניט פֿונעם מויל, נאָר פֿון די אויגן וואָס זאַפּן אײַן אין זיך גאָטס „אויסטערלישן תּנך פֿון פֿאַרבן."

פֿאַראַן אויך נאָך אַ נחמה — אַז דער זעלבער מידבר וואָס זײַן איינציק וואַסער איז הײַנט אַ „וואַסערפֿאַל שטויבן" וועט האָבן אַ „גראַזיקן שפּע־טער":

אויף ביימיקן היכל
פֿון גראָזיקן שפּעטער
קלאַווירט דאָ זײַן שמייכל,
דער גאָט פֿון די געטער.

אַזוי ביז זײַן טאַנץ
גוססט אָפּ אין צערינען,
און ס׳בלײַבט נאָר דער גלאַנץ
פֿון פֿאַלירטע בורשטינען.
און ס׳בלײַבט נאָר אַ גוף,
אַזאַ דורכזיכטיק נײַער —
דורכויסיקע, דאָרשטיקע
ל י פּ ן פֿ ו ן פֿ ײַ ע ר.

(„אַ טוש פֿון זאַמד אין מידבר ערבֿה"
די גאָלדענע קייט נומ׳ 9 [1951] ז׳ 65)

די „ליפּן פֿון פֿײַער," אַ פּרעכטיקער מעטאַפֿאָר פֿאַר די שטראַלן פֿון דער אונטערגייענדיקער זון, וועלן שטילן זייער דורשט, אויב ניט אין דעם ליד, איז אין אַן אַנדערן. דער אויבן ציטירטער ציקל „געזעגנגען בײַם מידבר־ראַנד" ענדיקט זיך טאַקע מיט אַזאַ בשׂורה:

ס׳איז זאַמד דײַן נשמה
צעוואָרף עס,
צעבלאָז, —
און גרילליד וועט שפּילן
אויף האַרפֿעס
פֿון גראָז. (ליד 6 ז׳ 101).

כאָטש בנימין האָט מער ווי אַ העלפֿט זײַנע לידער אָפּגעגעבן דער מידבר־לאַנדשאַפֿט, איז זײַן באַרימטסט ליד וועגן „שנײַ אין ירושלים":

וויסט, שנײַ, גוט וואָס ביסט געקומען!
כ׳וואָלט דאָך אויסגעגאַנגען פֿאַר אומעט
נאָך דײַן זאַפֿטיק ייִדיש לשון.
מײַנע שכנים, די גאָלדיקע ברושן,
האָבן שוין לאַנג צום הימל געשפּיצט מיט
דער טענה:
די שנייען, די פּוכיקע שנייען ווו זײַנען?

— און אָט ביסטו אונדזערער ווידער.

האָסט געוויס אַ גרוס געבראַכט
פֿון די משונהדיקע פֿאַרשנייטע ברידער. —
דו, ווײַסער פֿערד פֿון אייביקן ייִדישן טרויס,
וואָס פֿלעגסט קומען צו רײַטן
אין די פֿאַרקאָוועטע הינטערגעסלעך
פֿון אונדזער ווײַטן,
הינטער די הרי־חושך פֿאַרבליבענעם גלות.

פֿון דײַנע מזלות
און דײַנע בלאָע ציפּרעסן
אויף ניט־דערוואַרעמטע פֿענצטער —
האָבן מיר שוין באַלד פֿאַרגעסן.
ביסט ניט קיין שבת־גוי געווען
אין אונדזערע ענגע ד אמות.
און אויך דײַן קייטן־געבראַזג
אין אויערן פֿון יִדישע מאַמעס —
זענען מיר שוין לאַנג מוחל געווען,
ווי אַן אייגענעם שטיפֿערישן קאַטאָוועס.

קום, שניי, טרייסט זיך אין דײַן גרויסן־גרויסן
פֿאַרזען! —
און ווער אַ יִשובֿניק אין לאַנד פֿון די אָבֿות.

(— — — ווייסט, שניי, — מיר זענען דאָך ביידע
אויף דו,
אַז ס'וועט די היץ דיר ניט לאָזן צו רו
אין דער הייליקער שטאָט, —
איז איידער מיר צעגייען ווידער,
לאָמיר זיך פֿאַרקלײַבן זאַלבעצווייט אין אַ סוד,
וווּ קיינער טרעפֿט אונדז ניט, —
און כ'וועל דיר לייענען מײַנע לידער...)

(די גאָלדענע קייט נומ' 7 ז' 152)

באַרימט איז דאָס ליד מסתמא דערפֿאַר וואָס ס'איז דאָס פֿאַרשטייִקסטע, שפּילעוודיקסטע און יִדיש־לעכסטע פֿון בנימינס לידער. ער ניצט די לשון־קודשדיקע גראַמען טענה: זײַנען, גלות: מזלות, ד אמות: מאַמעס און קאַטאָוועס: אָבֿות ווי אַ בכּיוונ־דיקע טעכניק צו פֿאַרייִדישן דאָס ליד לויט דער אָנגענומענער טראַדיציע פֿון דער יִדישער פּאָעזיע, ד"ה ווו ווערטער פֿון אַלע עטימאָלאָגישע קאָמפּאָ־נענטן קענען זיך גראַמען. די גראַמען זענען אָרגאַ־ניש פֿאַרבונדן מיטן תּוכן וואָס זוכט צו פֿאַרקניפּן די ישׂראלישע לאַנדשאַפֿט מיטן אַמאָליקן גלות דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿונעם שניי. די דערנענטע־רונג איז אַ צוויי־זײַטיקע: דער שניי איז באַשריבן ווי אַ שבת־גוי און אַ יִשובֿניק (בולטע גלות־געשטאַלטן) און דער זעלבער שניי האָט נאָך דאָרטן, אין דער אַלטער היים, אויסגעפֿורעמט „ציפּרעסן / אויף ניט־דערוואַרעמטע פֿענצטער" אָפּפּירנדיק דעם לייענער צום טראָפּישן ישׂראל. שפּילעוודיק ביז גאָר איז די לעצטע סטראָפֿע ווו דער פּאָעט ווענדט זיך אַזוי אינטים צום שניי און שפּילט זיך מיטן טאָפּעלן באַטײַט פֿון „איידער מיר צעגייען." ער וויל וואָס גיכער אַרײַנכאַפּן, ווײַל ניט נאָר די זון וועט צעשמעלצן דעם שניי, אויך בנימינס מידבר־לידער וועלן מאַכן פֿון אים אַ תּל!



משה גורין (גורעוויטש). געבוירן אין ווילנע 1921. דעביוטירט אין יונג-וואלד (ווילנע), 1939. איבערגעלעבט די ווילנער געטאָ און פֿאַרשיידענע קאָנצלאַגערן אין עסטלאַנד און דײַטשלאַנד. פֿון 1945—47 געוווינט אין סטאָקהאָלם. געקו־מען קיין ישׂראל 1947. לערער און פֿאַרוואַלטער אין אַ שול. וווינט אין חולון.

מײַן מאַמע פֿלעגט ליב האָבן צו פֿאַרווײַסן
איר קאַווע מיט לבֿנה־מילך
מײַן טאַטנס קאַווע איז געווען „קוות אל אדוני"
און איך האָב געטרונקען די מאַמעס אויגן
ווען זי האָט מיט די פֿאַרגייענדיקע שטראַלן
אָנגעצונדן אַ ביסל וואַרעמקייט
אין פוסטן אויוון.

(„אויטאָביאָגראַפֿיע" ז' 55)

די טעמע אָרעמשאַפֿט איז גאָר ניט קיין נײַע אין דער יִדישער פּאָעזיע. די אויבן ציטירטע שו־רות זענען אָבער אַ ווײַטער מהלך פֿון די פּראָטעסט־מאַניפֿעסט־און־אַגיטאַציע־געזאַנגען פֿון פֿריִערדיקע דורות ווי אויך פֿון דער אומעטיקער ליריק וואָס האָט זיך באַוויזן נאָך זיי. משה גורין שפּילט זיך מיט ווערטער און אימאַזשן באַשרײַבנדיק די אָרעמקייט פֿון זײַן היים: ניט דער מאַמעס קאַווע ניט דעם טאַטנס האָט זיי געשפּײַזט, אָבער שפּײַזן שפּײַזט ער דעם פּאָעטס שפּילעוודיקייט. אַפֿילו אין אַזאַ שווי־דערלעך אָרט ווי רעשע, אַ דײַטשישער אַרבעט־לאַגער הינטער ווילנע ווו גורין איז געווען אינ־טערנירט, רופֿט אַרויס פֿאַרשיידענע קלאַנגיקע אַסאָ־ציאַציעס בײַם פּאָעט:

אַלץ די זעלבע זילבן:
רעשע, רשע, רעש.
אָפּגעסמטע ווינטן
חוליען אויפֿן גאַס. („רעשע" ז' 10)

גורין איז דאָ אויסן אַרויסצוקריגן אַן עסטעטישן עפֿעקט אַפֿילו אין דער סאַמע אַכזוריותדיקסטער לאַנדשאַפֿט. אויף דעם זאָגן עדות די נעמען פֿון אַנדערע חורבן־לידער זײַנע: „שטיללעבן אין קאַצעט" און „אין דונדאַג צײַטיקט דער קאָרן." ווי בײַ אײַזנמאַנען, איז גורינס ערשטלינג־ווערק די גרינע בריק (תּל־אָבֿיבֿ, 1966) צעטיילט אין דרײַ כראָנאָלאָגישע קאַפּיטלען — „פֿלעקן," „אַנקער" און „זילבערנע פֿלייטן." אינעם ערשטן טייל איז דער חורבן־מאָטיוו שוין דאָ אינעם סאַמע ערשטן ליד „תּפֿילה": „גאָט פֿון די חורבֿות און געטאָס, / גאָט פֿון די פֿאַרלאָשענע שטערן" (ז' 7); אינעם שפּעטערדיקן טייל פֿאַררופֿט זיך אַ ווידער־קול פֿון אָט די שורות: „גאָט פֿון רעגן, פֿון בליץ און גערעטעניש" („תּפֿילה צום רעגן" ז' 41). אָט די שפּאַנונג צווישן ווייזעס פֿון אומקום און פֿון אויפֿלעב (וואָס די ישׂראלישע לאַנדשאַפֿט איז זײַן העכסטער אויסדרוק) איז איינע פֿון די כאַראַקטעריסטישסטע מאָמענטן אין דער פּאָעזיע פֿון יונג־ישׂראל.

בײַ גורינען האָט אָט דאָס התפּעלות פֿאַר דער נאַטור זיך פֿאַרשטאַרקט במשך דער צײַט. אין אַ פֿײַן ליד „שאָטן־באַשאַף" באַשרײַבט ער ווי זײַן געצעלט ווערט פֿאַרפֿלייצט מיט ליכט ביז ער קען שוין מער ניט אויסהאַלטן. אינעם ערשטן נוסח געדרוקט 1952 (די גאָלדענע קייט נומ' 13, ז' 219) פֿאַרענדיקט זיך דאָס ליד אַזוי:

זאָג איך צו דער ערד מיט מאָנענדיקן בליק:
שפּראָץ אַרויס אַ רירעוודיקן שאָטן!
ווען ניט וועל איך זיך הענגען אויף אַ שטריק
מיט וואַלד פֿאַרקנאָטן...

דאָס אומעטומיקע ליכט, הייסט עס, וועט אים דערפֿירן צו אַליינמאָרד, אַבי צו זײַן פֿאַרבונדן מיט אַ וואַלד און זײַנע שאָטנס. אָבער גאָר אַנדערש פֿאַרענדיקט זיך דאָס ליד אינעם שפּעטערדיקן נוסח:

הייב איך רידל אויף. זון אין יעדער שויב.
ס'מוז דאָ שאָטענען און גרינען,
אויף נע־ענדיקן צעגליטן שטויב
וועסטו מיך שוין ניט געפֿינען. (ז' 34)

ניטאָ קיין וועג צוריק, מוז מען דאָ מאַכן אַ היים. און אויב דאָס זאָל באמת זײַן אַ היים, מוז דאָס לאַנד אַרויסגעבן אייגענע ביימער און שאָטנס.

אין אַ צווייט ליד דריקט גורין אויס אַן ענלעכן געדאַנק אַז די תּמיד בלויע הימלען מיט די קלאָר ווײַסע נאַכטיקע שטערן זענען אים שוין נימאס געוואָרן.

כ'וויל לייענען פֿון נידעריקן הימל
די שריפֿט פֿון תּוהו.
די צעצויגענע פֿיאָלעטע שריפֿט —
די נאַסע אותיות.
זיי ציטערן אין ווינט,
זיי פֿינקלען די פֿריידיקע אויגן.

און ענדיקן ענדיקט ער מיטן זיכערן אויסרוף: „עס קומט די צײַט פֿון תּחית־הגראָזן" („אין סימן פֿון רעגן" ב', ז' 39).

דאָרט ווו גורין באַהאַנדלט די טראַדיציאָנעלע „ראָמאַנטישע" טעמעס פֿון דער פּאָעזיע ווי פּאָעזיע גופֿא, שטילקייט, שטראַלן, רו און אַליינקייט איז ער דער שוואַכסטער; ווי באַלד ער מאָלט אויס פּרטימדיקע בילדער ווײַזט ער אַרויס זײַן גענײַטקייט. איינס פֿון די בעסטע לידער איז אַ ליד וועגן פּשטות, דאָס פּשטות פֿון אַ ספּעציפֿישער גאַס באַשריבן מיט קאָנקרעטע אימאַזשן:

ווי צוויי הונדערט צעקנייטשטע באַנקנאָטן
די צוויי הונדערט הײַזער
פֿון מײַן גאַס. מײַן פּשוטע גאַס
אָן גלאַנץ, אָן רויש. ניט אַלט, ניט מאָדערן.

דרײַ־מטה אײַנוווינער אַלע, אַלע.
איבער זיי ווױנען נאָר פֿייגל
און איבער די פֿייגל געשטאַלטיקט דער וואָלקן —
ספֿק מענטש, ספֿק חיה.

אין דער פֿרי שיקט די זון אַרויס אירע שקצים —
בײַטשן די אָפּגעברענטע נאַקנס.
דרײַ־מטה אײַנוווינער אַלע, אַלע.
יעדע נאַכט הייבן זיך אויף
אויגן צום הימל
און ציילן די מטבעות. (ז' 35)

דער אויסדרוק דרײַ־מטה האָט צוויי באַטײַטן: אַז די אײַנוווינערס זענען בבחינת בשׂר־ודם, זיי געהערן צו דער וועלט, ניט צו דער הימלישער און צווייטנס אַז זיי ווױנען טאַקע אין נידעריקע הײַזער, לעבן דער ערד, ניט אין די הויכע פֿענצטער. אַז די גאַסמענטשן זענען פֿאַרהאָרעוועט לייענען מיר אַרויס פֿון צוויי אימאַזשן: די זונשטראַלן „בײַטשן די אָפּגעברענטע נאַקנס" און בײַ נאַכט קומט אויס אַז די שטערן זענען מטבעות, היות עס פֿעלן אויסעט אמתע מטבעות. דאָס לעצטע פֿירט אונדז צוריק צו

דער ערשטער שורה, צו דער פֿאַרגלײַכונג פֿון די 200 צעקנייטשטע באַנקנאָטן: געלט איז דער קאָנטעקסט, די שײַכות־רעם פֿון זייער לעבן.

אינעם לעצטן טייל, „זילבערנע פֿלייטן,‟ קערט זיך גורין אום צו די אַמאָליקע גאַסן פֿון די קינדער־יאָרן, צו דער ראָגאַטקע:

די הילצערנע לאַוועס זיפֿצן אויס
דעם זיידנס האַרץ.
וואָס קען מען אויפֿטאָן מיט איין האַרץ
אויף דער ראָגאַטקע?
מעג זי זײַן אַפֿילו אויסגעכאָוועט
אין פֿונקען פֿון חצות.

(„ראָגאַטקע‟ ב׳, ז׳ 94)

מיגלעך אַז דעם זיידנס זיפֿצן זענען די זיפֿצן פֿון תּיקון־חצות בײַם באַווייגען דעם חורבן־בית־המקדש. דערצו „קרעכצן‟ די הילצערנע לאַוועס בעת מענטשן טרעטן אויף זיי און דער קלאַנג מישט זיך אויס מיט אָדער דערמאָנט דעם זיידנס זיפֿצן. ווײַזט אויס, דאָס לעבן איז אַזוי שווער אַז אַפֿילו אַזאַ פֿרום האַרץ קען עס ניט איבערברעכן.

ווילנע האָט אָן שום ספֿק געלייגט איר שטעמפּל אויף גורינען. דער נאָמען פֿונעם בוך באַציט זיך דאָך צו דער באַוווסטער „גרינער בריק‟ אין ווילנע. פֿאַר גורינען איז די בריק אויך אַ סימבאָלישע בריק וואָס זי פֿאַרבינדט אים מיטן עבֿר. פֿרעגט זיך די פֿראַגע אויף ווי ווײַט די ווילנער פּאָעטישע וועלט האָט משפּיע געווען דעם יונגן גורין. דעביוטירט האָט ער אינעם זשורנאַל יונג־וואַלד וואָס לייזער וואָלף איז געווען זײַן וועגווײַזער. קען זײַן אַז ווי אַ בחור פֿון 18 יאָר איז לייזער וואָלפֿס מאָדערניזם אים ניט געווען צום האַרצן. אַ פֿאַקט איז אַז דער תּלמיד איז טראַדיציאָנעלער פֿאַרן לערער און בלויז אין איין ליד באַניצט ער זיך מיט לייזער וואָלפֿס סטיל, טאַקע אין אַ ליד וועגן לייזער וואָלפֿן אַליין:

פֿאַרוואָלקנטער פּנים,
צעגראַבלט מיט בלוט — דײַנע שורות,
אין דײַנע לידער נעסטיקט די נאַכט.
זיי סקריפּען אויס
דעם פֿראָסט פֿון פֿאַרפֿאַלענע טראַקטן.
בײַ דער נאַכט הוילן אויס די וועלף
די רעפֿריינען פֿון זײַן עלנט.

ווינטמיל פֿון בענקשאַפֿט.
אומעט.
עס שנייט פֿון דײַן פֿאַרוואָלקנט פּנים.

(ז׳ 51)

אַליטעראַציע פֿאַרנעמט דאָס אָרט פֿון גראַם. קלאַנג־אַסאָציאַציעס מיטן פּאָעטס נאָמען ווערן רעאַליזירט ווי מעטאַפֿאָרן („פֿאַרוואָלקנטער פּנים,‟ „בײַ דער נאַכט הוילן אויס די וועלף / די רעפֿריינען פֿון דײַן עלנט‟), און דער עיקר ניצט ער דראַסטישע, איבערראַשנדיקע אימאַזשן אַרויסצורופֿן דעם טרויער און גרויל פֿון זײַן טעמע: לייזער וואָלפֿס לידער „סקריפּען אויס / דעם פֿראָסט פֿון פֿאַרפֿאַלענע טראַקטן.‟ דער צענטראַלער מעטאַפֿאָר איז דעם פּאָעטס לעבן און שאַפֿן געגליכן צו אַ נאַכטיקן, ווינטערדיקן, פֿאַרוואָרפֿענעם פֿעלד באַוווינט בלויז פֿון וועלף און ווינטמילן, ביידע סימבאָלן פֿון עלנט. די לעצטע שורה גיט אָבער אַ סימן פֿון האָפֿענונג: דער שניי וועט אפֿשר פֿאַרדעקן דאָס בלוט, פֿאַרווײַסן דאָס פֿאַרוואָלקנטע פּנים. פֿונעם פּײַן און פֿונעם סקריפּען וועט קומען רו.

(המשך קומט)

צי האָט איר שוין אַרײַנגעשיקט אײַער
פֿאַרגרעסערטן בײַשטײַער פֿאַר 1973
און 1974?

צבי אייזנמאַן

# דריי מעשיות

## I

### אַ מעשה וועגן ניסים פון הר־טוב, וועגן אַ וואַרשעווער הויף און וועגן אַ שפּיל־פויגל

אַ צעצויגענער אייזל־געשריי האָט מיך אַרויסגעריסן פון שלאָף.

כ׳בין אַראָפּ פון בעט און זיך דערנענטערט צום פענצטער. ס׳איז געווען אַ ווייסע, קלאָרע וועלט — אַ שניי האָט זיך געשאָטן, געדרייט אין דער לופט און פּאַמעלעך זיך אַראָפּגעזעצט. כ׳האָב פאַרוווּנדערט אַרויסגעקוקט דורך די האַלב פאַרפרוירענע שויבן.

ווי קומט עס, האָב איך געטראַכט און זיך ניט אויפגעהערט צו חידושן, ווי קומט עס אין אַ וואַרשעווער הויף, אין אַ שנייאיקן טאָג, אַן אייזל?

כ׳האָב אַרויסגעקוקט און טאַקע דערזען אַן אייזל און לעבן דעם אייזל איז געשטאַנען ניסים.

ניסים! האָב איך אַ געשריי געטאָן, וואָס טוסטו אין אַ וואַרשעווער הויף?! גיי דיר פון דאַנען! האָב איך צו אים גערופן, דיינע נאַקעטע פיס אין די שטעק־שיך וועלן פאַרקילט ווערן און דיין דאַר גופל אונטערן לאַנגן העמד וועט דערפרוירן ווערן!

האָט ער מיר מיט אַ בעטנדיקער שטים אָפּגעענטפערט: „כולם יהודים, טרייב מיך ניט, לאָז מיך!״

האָב איך ווידער צו אים גערופן:

— „גיי דיר פון דאַנען! כ׳וועל דיך טרעפן אין אַן אַנדערע צייט, אויף אַן אַנדער אָרט!״

ענטפערט ער מיר: „כולם יהודים, טרייב מיך ניט!״

זאָג איך אים: „ניסים, שטער מיר ניט, צו פריי איז אונדזער באַגעגעניש, איצטער וואַרט איך אויף אַן אַנדערן ייִד. דער ייִד טראָגט אַ פּאַרלאַטעט כאַלאַטל און דער האַלדז איז ביי אים סיי זומער, סיי ווינטער אַרומגעבונדן מיט אַ רויטער פאַטשייעלע און אויגן האָט ער ווייכע אַזעלכע, פאַרהויכטע. אַ באָרד איז ביי אים פאַרקאָלטנט און געקרייזלט. ער גייט איבער די הייפן מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס און רופט צו די שטאָקן און שרייט צו די פענצטער: האַנדל! האַנדל! אַלטע שיך, אַלטע קאַמאַשן, אַלטע הויזן קויף איך!״

רייסט מיר ניסים איבער מיינע רייד:

— ווייסט? מיין יחיה האָט אַ גוט קעפּל, ער לערנט שוין אין בית־ספר און דער קליינטשיקער עזרא האָט שוין אַלע ציינדלעך און ירושה אַרבעט אין אַ קינדער־גאָרטן און מזל האָט שוין, ברוך השם, חתונה געהאַט, גענומען פון אייערע, פון די „שקינאַזים״. אַז ער קומט אויף שבת, מיט מזלן צו פאָרן צו אונדז קיין הר־טוב, אין מעברה אַריין, ברענגט ער שטענדיק עפּעס אַ מתנה פאַר מיין ווייב דינה. מיין אישה שעמט זיך צו נעמען, זי רויטלט זיך, אָבער דאָס פאַרשאַפט איר אַ סך פאַרגעניגן. דינה, מיין ווייב, איז שוין ווידער, ברוך השם, אויף דער צייט און...

— גענוג, ניסים! בעט איך זיך ביי אים, שווייג אַ ווייל!

„...גייט דער ייִד איבער די הייף, צי איך ווייטער מיינע רייד, און איינמאָל איז ער צו מיר אַריינגעקומען און נישט מער און נישט ווינציקער — כ׳זאָל אים פאַרקויפן מיין שפּיל־פויגל. דעם ליכטיקן שפּיל־פויגל מיט די לאַנגע, קאָלירטע פעדערן זאָל איך אים פאַרקויפן. קוק איך אויף זיינע פאַרהויכטע אויגן און כ׳לאַך: דעם שפּיל־פויגל ווילט איר ר׳ ייִד, און ווו וועט איר דאָס נעמען?...״

פאַלט מיר ניסים ווידער אַריין אין מיינע רייד און נעמט רעדן אין איין אָטעם ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז ער קען נאָך עפּעס פאַרגעסן אָדער אַז ער וועט מיט עפּעס פאַרשפּעטיקן:

— „און אַרבעט איז איצט פאַראַן גענוג, ברוך השם, מען בויט איצט אַ פרישן כביש פון הר־טוב ביז צו דעם נייעם ייִשוב וואָס האָט זיך אויך דאָרט אויפן באַרג צעזעצט. זאָגט מיר

אין גאס אין קלאס

פּיין ווייב דינה: ניסים, אַן אייזל קוקי דיר! זאָג איך צו איר: ביסט אַן אישה, אַ שוטה, וווּ הערל איך דאָס געמען געלט אויף? אַן אייזל? שמייכלט זי קלוג און גייט אַוועק און שלעפּט אַמיר פון אונטערן בעט אַ פּאָרסאַזשעטן טאָפּ און ציט אַרויס פון דאָרט אַ טיכל מיט געלט. וווּנדער איך זיך און קוק זי שטום אָן. שמייכלט זי קלוג און שטופּט מיר דאָס געלט אין האַנט אַריין און קוועטשט נאָר אַרויס איין וואָרט — „אָפּגעשפּאָרט" און שמייכלט ווידער אַליין אַזוי קלוג. האָב איך געקויפט אַן אייזל, אָט דאָס אייזל וואָס דו זעסט עס איצט, און כ'בין מיט אים אַוועק אַרבעטן אויפן כביש, זעק מיט ערד און שטיינער צו פירן. אַז אַרבעט איז פאַראַן פעלט מען ניט אַזוי אַז מען זיצט אין אַ ביידל, און פרייטיק צו נאַכטס איז דאָ אַ ביסל אַראַק און דינה, מיין ווייב, גרייט צום טיש און שמייכלט נחת'דיק אונטער, און ווייסט? מען זאָגט שוין אַז מ'וועט בויען שיכונים און מ'זאָגט..."

דאָ האָב איך אויף ניסימען אַזאַ קוק געגעבן אַז די ווערטער זיינע האָבן זיך צוריק אַראָפּגעקאַלערט אין האַלדז אַריין און ווי כ'וואָלט זיינע רייד ניט געהערט האָב איך מיר גענומען ציען מיינס:

„...וווּ וועט איר דאָס געמען אַזויפיל געלט אויף צו קויפן מיין שפּיל־פויגל מיט די לאַנגע, קאָלירטע פעדערן, וואָס יעדע פעדער האָט זיבן פאַרבן און וואָס יעדע פאַרב האָט זיבן חנען. איז דער ייִד געבליבן שטיין אינמיטן צימער און זיך געקראַצט די באָרד: אָבער כ'וויל דאָך פאָרט דעם שפּיל־פויגל האָבן! כ'וועל אַ גראָשן צו אַ גראָשן לייגן, כ'וועל טאָג און נאַכט איבער די הייף קריכן נאָר דעם שפּיל־פויגל מוז איך האָבן. האָב איך מיטלייד מיט דעם ייִד, מיט די פאַרהויכטע אויגן באַקומען און צו אים אַזוי געזאָגט: ווייסט איר ר' ייִד, וויפל הייף איר דאַרפט אַדורכגיין און ווייסט איר וויפל יאָרן איר דאַרפט לעבן ביז וואַנען איר וועט געלט אָנזאַמלען אויף צו באַצאָלן פאַר מיין ליכטיקן שפּיל־פויגל? איז דער ייִד טרויעריק געוואָרן און געגלעט מיט זיין דאַרער האַנט די לאַנגע פעדערן פון מיין שפּיל־פויגל און כּדי אים צו טרייסטן האָב איך אים אַזוי געזאָגט: אין אייער

קעלער־שטיבל איז ענג און [illegible] און קיין פּריוט איז ניטאָ צו דער זעט און קינדער זענען דאָ אַסאַך, איז צו וואָס טויג אייך אַ שפּיל־פויגל? איר האָט דאָך אים סיי ווי ניט וווּ צו האַלטן.

כ'האָב געזען אַז ניסים קלויבט זיך שוין ווי־דער מיר איבערצורייסן. האָב איך אים אויפסניי אָנגעקוקט. האָט ער זיך באַרויקט און אַראָפּגע־לאָזט זיינע וויעס צו דער ווייסער ערד.

כ'האָב געזען — האָב איך ווידער אָנגעהויבן מיינע רייד, ניט וויסנדיק צי ניסים הערט מיך יאָ, צי ער הערט מיך ניט — כ'האָב געזען אַז דער ייִד מיטן פאַרלאַטעטן כאַלאַטל איז אַדורכ־געדרונגען געוואָרן פון מיינע ווערטער, ווייל ער האָט לאַנג געשוויגן און שוין ביים אַוועקגיין האָט ער מיך שטיל געפרעגט: קען איך יעדן טאָג קומען און אָנקוקן דעם שפּיל־פויגל? האָב איך אים געזאָגט יאָ, ער מעג. איז ער אַ ביסל אַ געטרייסטער אַוועק מיט זיין מאָנענדיקן ניגון פון „אַלטע שיך און אַלטע קאַמאַשן". ער פלעגט קומען יעדן טאָג און פלעגט גלעטן די פעדערן, ציילן די פעדערן און פאַרקוקן זיך לאַנג אין די אויגן פון מיין ליכטיקן שפּיל־פויגל. ער פלעגט קומען און איינמאָל האָט ער מיך געבעטן: כ'וויל איר זאָלט מיר אַ פעדער פון דעם שפּיל־פויגל שענקען, אַרויסרייסן אַ קאָלירטן פעדער פון זיין ברייטן עק און אים אַוועקגעבן, ווייל אַז ניט גייט זיין נשמה אויס, אַז ניט וועט ער זיך אויף מיין שוועל אַוועקלייגן און ליגן אַזוי לאַנג ביז מיין האַרץ וועט ווייך ווערן און אים אַ פעדער, אַ פעדער פון מיין שפּיל־פויגל געבן.

האָב איך לאַנג געטראַכט, געקוקט אים אין זיינע פאַרוויכטע אויגן און לאַנג געטראַכט, ביז כ'האָב אים צוגעזאָגט אַז ווען ער וועט דאָס צווייטע מאָל קומען, וועל איך אים אַ פעדער, אַ קאָלירטע פעדער אַוועקשענקען. האָט זיך אַ פונק פון פרייד דורך זיינע פאַרהויכטע אויגן אַדורכגעריסן און ער איז אַוועק. אַוועק און מער זע איך אים ניט. די פעדער ליגט און די קאָלירן, ווי טרערן, טריפן אויס פון איר און ער, דער ייִד, איז ניטאָ.

איז ניט אויף דיר, ניסים, וואַרט איך אַצינדער. יענעם ייִד מיט דער פאַרקאַלטנטער באָרד זוך איך. דיך וועל איך טרעפן שפּעטער

אויף אַן אַנדער אָרט, אין אַן אַנדער צייט. כ'רעד אַזוי און כ'רעד און כ'באַמערק ניט אַז ניסים מיט די נאַקעטע פיס אין די שטעק־שיך, מיט זיין קליין, דאַר גופל אינעם לאַנגן קלייד, איז אַנטרונען געוואָרן. אויך פון זיין אייזל איז קיין סימן ניט פאַרבליבן.

דער שניי פאַלט און פאַלט, ער פאַרדעקט די אָפּגעשיילטע מויערן פונעם ענגן וואַרשעווער הויף און אַט רייסט ער זיך אַריין אין מיין צימער, דער שניי. און מיין צימער ווערט אויך אַזוי ווייס ווי די וועלט. אין שנייאיקן געווירבל ליג איך. דער שניי פאַלט אויף מיינע הענט און אויף מיין פנים און אויף די ליפּן און אויף די אויגן.

כ'ווער ווייס און ווייסער און ליכטער. כ'ווער אַליין אַ שניי...



# זון איבער אַלץ

ים מיך אַרום

ים מיך אַרום,
כוואַליע מיך דורך —
און דערנאָך,
כאַטש דו זאַמדסט מיך אַוועק,
בלײַבט מײַן אויער אַ מושל
וווּ עס דונערט זכרון,
וווּ עס פּערלט דײַן קול.



רחל פּישמאַן



ה. בנימין
[illegible]: גרינדליכע לידער
[illegible] 1994

# אין היימען לאַנד

אין היימען לאַנד —
זאַלץ.
זאַלץ.
זאַלץ.
צי אוים דײַן האַלדז
און פאַרקרישטאָל אים.
און אין דײַן אויסגעוואָרטן חלום
פאַרקריץ:
אַ טיפער בליץ
אין שמאָלע ברונעם־ווענט פון זאַלץ —
דאָס גליט די היץ
אין ווײַסן האַלדז
און שלאָגט פאָנטאַנען הייסן אָטעם.

אַ שטיין מיט פלאַמיקע געבאָטן
קאָן יעדער שפּאַן פון ברי־ערד ווערן.

און אויף דײַן פאַרמעט־דאַרן שטערן
אין זיבן זאַלציק ווײַסע רייפן
(נאָך זיבן טויטע כוואַליעס שווייס)
אין ווילד־גאַלאָפּ עס יאָגן שלייפן
און פאָכען פון די שנייען־בויגנס
מיט רויטע טיכער אין די אויגן.

און ביז ס׳קומט נאָכאַמאָל אַרויס
און קלאָרט זיך אויס
אין אײַזיק שאַרפע בלאָע פערל —
וועט אויך זײַן מהות קלאָרער ווערן:

אין אורקאָשמאַר און שטילער מורא
פאַר האַרבן מענטש־און־גאָט־פאַרמעסט,
פאַר פראָסטן, וואָריק קלאָרן נס,
פאַר נס פון סדום און פון עמורה.

# שניי אין ירושלים

ווייסט, שניי, גוט וואָס ביסט געקומען!
כ׳וואָלט דאָך אויסגעגאַנגען פאַר אומעט
נאָך דײַן זאַפטיקן יידישן לשון.
מײַנע שכנים, די נאָדלדיקע ברושן,
האָבן שוין לאַנג צום הימל געשפּיצט מיט דער טענה:
די שנייען, די פּוכיקע שנייען וואו זײַנען?

— און אָט ביסטו אונדזערער ווידער.

האָסט געווים אַ גרוס געבראַכט
פון די משונהדיק פאַרשנייטע ברידער —
דו, ווײַסער פערד פון אייביקן יידישן טרוים,
וואָס פלעגסט קומען צו רײַטן
אין די פאַרקאָוועטע הינטערגעסלעך
פון אונדזער ווײַטן,
הינטער די הרי־חושך פאַרבליבענעם גלות.
פון דײַנע מזלות
און דײַנע בלאָע ציפערטן
אויף נים־דערוואַרעמטע פענצטער —
האָבן מיר שוין באַלד פאַרגעסן.
ביסט נים קיין שבת־גוי געווען
אין אונדזערע ענגע ד׳ אמות.
און אויך דײַן קייטן־געבראַזג
אין די אויערן פון יידישע מאַמעס —
זענען מיר שוין לאַנג מוחל געווען,
ווי אַן איינגענעם שטיפערישן קאַטאָוועס.

סדום, יוני 1949

(— — — ווייסט, שניי, — מיר זײַנען דאָך ביידע אויף דו,
אַז ס׳זועט די היץ דיר נים לאָזן צורו
אין דער הייליקער שטאָט —
איז איידער מיר צעגייען ווידער,
לאָמיר זיך פאַרקלײַבן זאַלבעצווייט אין אַ טוד,
וואו קיינער זעט אונדז נים,
וואו קיינער טרעט אונדז נים, —
און כ׳וועל דיר לייענען מײַנע לידער...)

ווינטער תש״י

זי האָט פון אַ ווינקל גענומען אַ בייטש
און אַריינגעשפרונגען צווישן זיי.

(פראַנץ קאַפקאַ: „דער שלאָס")



יאָסל בערגנער: שקיצע צו קאפקא־אילוסטראַציעס

אברהם רינצלער

# פאַראַגראַפן פון א היינט

## אינסקריפּציע

„עס קענען פּיסיקע פּערזן
„פון א יידישן ליד,
„די ריטמישע טרעפ
„צו אַ וואָרטיקן הימל
„באַטרעטן נאָר דעמאָלט
„אויב שמעק־שיך
„פון מזמור,
„געפּיטערטע זעגען
„מיט וואָליק־פּאַרצניעטע גראַמען,
„מיט צאינה־וראינה געשפּונענעם טראָף".

אָ, איר סטאַדעס ליד־פּאַטריאַרכן — —

צוליב אַ ניי־אויגיקער וואָרטשאַפּט
אודאי
מוז
אַן אַלטע שפּראַך־פּלייצע

בלוטיקן.

* * *

## טעראַ־סאַנטאַ

טעראַ־סאַנטאַ, פּאַרקאַלעכטע סקעלעטן
פון דייטשע מויער־זינגער,
מיט זיסקינד פאָן טרימבערג באַלאַדן
(אין זייערע ביינער),
אונטער דיינע זאַמדן.

טעראַ־סאַנטאַ, א ריטערבורג
פון געצעלטן, פּאַרגעלטע
ווי דער מיטל־אלטערלעכע

טעראַ־סאַנטאַ, מוטער פון גליקל־בת־שבע
בינע פּאַר ברוין־פּנים׳דיקע פיגורינען,
פון מידבר־מגילות אַרויסגעריטענע.
טעראַ־סאַנטאַ, ראָזשינקעס מיט מאנגער
איבער אַלע דיינע זאַמדן.

## טערא־סאנטא II

מיט תנ״ך און טאַקטיק — משה׳ס צוויי־געשפּאַן
דיין פּלאַנעטאַריום אַקער איך

און פּראַווע ברית׳ן — —
אָ, מוהל
דו האַמלעט אונדזערער אָן א מאָנאָלאָג,
מיינע זין די אַכט־טעגיקע
זיינען עס, די קוואַדראַטן
פון טעראַ־סאַנטאָס פּיראַמידן;
(הענגט־אַראָפּ יהוה — אַ לעגענדארע
ביקס — ווי אַ שמירה
פון זייערע העלדזער).

איך, דער פּלוס (און מינוס)
פונעם אויסדערוויילטן איקס
גראָב דורך דיינע דנאָען
קיום־לאַבירינטן. ס׳איז (אין מיר)
דער דאָרשט נאָך תהום׳ען
ווי אין יעדער
מענטש־געבענטשטער צונג.

טעראַ־סאַנטאַ, דו סגהאיקע רפואה
אינעם אָטעם פון א ליד;
דו מעלאָדישער חלף
פאַר׳ן שעפּס פון יצירה,
איך בין דיין אור־אַרגל

יאָסל בירשטיין

# דײַנע געסלעך - ירושלים

## קליינע מעשיות



פאַרלאַג:
ספרי סימן קריאה — הוצאת הקיבוץ המאוחד
תל-אביב
1989

23

בשעה מגויסת של זרב״ מס׳ 32

## ווער איז ביאַליק?

יאָסל בירשטיין

אָוונט-צו בין איך אַרײַן אין דער סטאַנציע פֿון רויטן מגן-דוד אין נצרת-עלית. ווען דער שאָפֿער פֿון אַמבולאַנס האָט מיך באַמערקט האָט ער איבערגעריסן די שעש-בעש-שפּיל, זיך אויפֿגעשטעלט פֿון בענקל און מיר אַנטקעגנגעגאַנגען אַ צעשמייכלטער אויף דער גאַנצער לענג פֿון זײַנע געלע וואַנצעס.

איך בין געוועזן אַוועק פֿון ישוב מער ווי אַ יאָר, האָבן מיר זיך אַרומגעכאַפּט ווי אַלטע גוטע פֿרײַנד. דאָס איז נישט געפֿעלן געוואָרן דעם פֿײַערלעשער, דעם שותּף צום שעש-בעש. ער האָט געוואַרט און געוואָרט מיר זאָלן זיך אויפֿהערן פּעטשלען איינער דעם אַנדערן אין דער פּלייצע און נישט דערוואַרטנדיק זיך, האָט זײַן געדולד געפּלאַצט און ער האָט זיך צעשריגן:

„ווער איז ער, דער יאָלד?״

ווען איך האָב געוווינט אין נצרת-עלית פֿלעג איך קומען אַהער אין די אָוונטן קלינגען אין טעלעפֿאָן, דער איינציקער אַפּאַראַט אין דער גאַנצער געגנט. אויף דער בנין גופֿא, דער רויטער מגן-דוד, איז געווען דער איינציקער פּלאַץ אין דער געגנט, ווו עס איז געווען אַ ביסל פֿריילעך אין די שפּעטלעכע אָוונט-שעהען, נײַן, צען אַ זייגער בײַ נאַכט: אַ ליכטיקער לאָמפּ אין דרויסן, שעש-בעש אינעווייניק, דער ריח פֿון קאַווע. מע האָט געקענט כאַפּן אַ שמועס מיט עמעצן, וואַרטנדיק אין דער ריי צום טעלעפֿאָן.

אויך מײַנע שמועסן מיטן שאָפֿער פֿון אַמבולאַנס זענען געווען געכאַפּט און אָפּגעהאַקט. אַ וואָרט דאָ, אַ וואָרט דאָרט צווישן די גענג פֿון שעש-בעש-שפּיל. דער שאָפֿער האָט למשל געפּרוווט טרעפֿן פֿאַר וואָס אַזאַ מענטש ווי איך, האָט זיך פֿאַרקליבן צו וווינען דווקא אין אַ פֿאַרוואָרפֿן שטעטל צווישן די בערג, וואָס אַפֿילו אין מיטן טאָג איז דאָס לעבן דאָרטן פֿאַרשלאָפֿן. זײַן נײַגער האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט צוליבן טעלעפֿאָן. מיט וועמען האָב איך דאָס אַזוי פֿיל צו רעדן אַלע נאַכט? ווען ער איז געוואָר געוואָרן אַז פֿון מײַן שטוב ביז אַהער צו, צו דער מגן-דוד-סטאַנציע, איז אַ מהלך פֿון אַ האַלבע שעה גאַנג און דערצו נאָך אין דער פֿינצטער,

בירשטיין

צווישן אומבאַוווינטע הײַזער, האָט ער בכלל נישט געוואָלט מיט מיר רעדן.

״און פּרנסהניו ?״ האָט ער געפֿרעגט.

״אַ שרײַבער״, האָב איך געענטפֿערט.

נאָך אַ ווײַלע האָט ער געוואָרפֿן אויף מיר אַ טאָפּלטן בליק, אַ ביסל זײַטיק, ווי די לענג פֿון זײַנע וואָנצעס וואָלטן אים פֿאַרשטעלט די ראיה, און ער האָט געוואָלט וויסן אויב אַזוי, פֿון וועלכע ביכער איך שרײַב אַרויס.

איך האָב זיך נישט געריכט אויף אַזאַ מין פֿראַגע. האָב איך, ווי מײַן שטייגער אין אַזעלכע פֿאַלן, אָנגעהויבן שטאַמלען און דערבײַ זיך דערמאָנט ווי אַזוי איך האָב אַ מאָל איבערגעלייענט פֿאַר מײַן מאַמען, ווען איך בין געווען אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר צען, מײַן ערשט אָנגעשריבן ליד: ״צום פֿויגל״. איך האָב עס אַרויסגעשריבן פֿון אַ ביכל לידער וואָס די מאַמע האָט געבראַכט פֿון וואַרשע. נאָך אַן אָפּעראַציע דאָרטן אין אַ שפּיטאָל איז זי צוריק געקומען מיט אַ מתנה. אין שטוב זענען קיין ביכער נישט געווען. אַ סידור צום דאַווענען — יאָ. אויך אַ מחזור אויף די יום-טובים, פֿון וועלכן איך פֿלעג אַרויסלייענען אויף עברי-טײַטש מעשׂיות און משלים.

די מאַמע האָט מיר דעמאָלט געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז אַ ליד שרײַבט מען אַרויס פֿון אייגענעם האַרץ און נישט פֿון אַנדערע ביכער.

״פֿון ביאַליקס ביכער״ האָב איך געענטפֿערט דעם שאָפֿער, ״פֿון חיים נחמן ביאַליקן״, האָב איך איבערגעחזרט.

דעם שאָפֿער האָט זיך אויסגעדאַכט אַז ער האָט שוין אַ מאָל געהערט פֿון איינעם אַזאַ יאָלד. און נאָך עטלעכע גענג אין שעש-בעש האָט ער זיך טאַקע דערמאָנט, אַז ער האָט געזען יענעמס פּרצוף אויף פּאַפּירן-געלט, אַ פֿינפֿער, אויב ער האָט נישט געמאַכט קיין טעות. און אויב ס׳איז שוין אַזוי, אויב מען האָט יענעם אַרויפֿגעשטעלט אויף געלט, מעג איך זיכער אַרויסשרײַבן פֿון זײַנע ביכער און דעמאָלט וועל איך אויך דערגיין גאַנץ ווײַט.

״כל הכבוד״, האָט ער צוגעגעבן.

אויף איצט, שטייענדיק אַרומגענומען, נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך נישט געזען מער ווי אַ יאָר צײַט, האָט ער איבערגעחזרט די ווערטער פֿון אונדזער לעצטן שמועס:

דעם פֿײַער-לעשער האָט עס אָנגעצונדן. איבערגעריסן די שעש-בעש-שפּיל, מען קלאַפּט זיך אין פּלייצע און עס נעמט נישט קיין סוף. מיט ווענען סוף-סוף האָט מען דאָ צו טאָן? ווער בין איך פֿאָרט, וואָס צוליב מיר האָט

דער שאַפּער איבערגעריסן די שפּיל, און ווי רופט מען מיך? אָבער דער שאַפּער האָט נישט געדענקט מײַן נאָמען. ער האָט אויסגעבויגן זײַן קאָפּ צום פײַער-לעשער, בײַגעקומען די פֿאַרלעגנהייט און אַ זאָג געטאָן:
„גולם איינער! האָסט קיין מאָל נישט געהערט פֿון ביאַליקן!"



26